STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03879

YUDA HA-LEVI

Morris Rosenfeld

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

37/B

יהודה הלוי

דער גרעסטער העברעאישער דיכטער

זיין לעבען און זיינע שריפטען

פריי באארבעט נאָך פארשידענע קוועלען

— פון —

מאָריס ראָזענפעלד

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 Canal Street, New York

Printed in the United States of America

יהודה הלוי

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני.
(תהלים קל"ז)

פאָרוואָרט.

פאָרצוטרעטען פאַר רבי יהודה הלוי איז פונקט וויא פאָרצוטרעטען פאַר א'ן ארון קודש; פאַר דעם ארון פון בית המקדש אין וועלכען עס זיינען געלעגען דיא לוחות, און איבער וועלכען עס האָבען זיך געשפרייט דיא גאָלדענע פליגעל פון דיא כרובים. נאָר אַזעלכע כהנים גדולים אין איכל פון דער וועלט ליטעראַטור וויא געטהע און היינע האָבען געהאַט דאָס פולע רעכט מקריב צו זיין מיינונגען און געפיהלען פיר זייער אונשטערבליכען חבר, וואָס האָט דערגרייכט דעם זיעבעטען הימעל פון דער פּאָעזיע. דאָך וויל דיא ארבייט — צו שרייבען איבער יהודה הלוי — איז אַזוי היילִיג, ערהאבען און ריזיקאַליש, דערפאַר לאָקט זיא אָן און בעערשט אזוי וויא א כשוף.

ארומנעהמען דעם גייסט פון יהודה הלוי איז — פונקט וויא ארומנעהמען דעם ים הגדול — א זאַך, וואָס איז אונמעגליך, גאָט האָט זיך שוין מיט איהם גע'עצה'ט אין בעשאַפען דיא וועלט און דיא ליעבע, און שפּעטער האָט ער איהם פערטרויט דיא סודות הבריאה און ער האָט פאַר זיך אליין געשאַפען אייביגע וועלטען פון געזאַנגען. העכסטענס וואָס מען קען — איז שרייבען וועגען יהודה הלוי דעם מענש, דעם נאַציאָנאַליסט, דעם געטרייען זוהן פון זיין אָרעם, עלענד פאָלק. אָבער אויך דיעזע ארבייט איז אין דעם פאַל פערבונדען מיט גרויסע שוויערינקייטען, וויל דיא וויכטיגסטע

שטריכען פון יהודה הלוי'ס לעבען זיינען פון אונז בעהאלטען, און מיר קענען זיך נאר בענוצען מיט דעם מאגערען, קארגען שטאף, וואס מיר געפינען וועגען איהם אין דער אידישער געשיכטע און אין האלב דונקעלע שטעלען פון פערשיעדענע שרייבער אין דיא אראבישע און העברעאישע שפראכען. עס איז דערפאר לייכט צו פערשטעהען, וויא וועניג מען קען גערעכט בלייבען בעשרייבענדיג יהודה הלוי אלס פאעט און פילאזאף.

יהודה הלוי — דיא זונן פון אמונה און האפנונג פון דעם אידישען פאלק — שטעהט הויך און גלענצענד אין הימעל פון זיין אומה; ער האט צו זיך קיין גלייכען. ער איז דער איינציגער, וואס האט גע'ירש'עט דיא הייליגע אוצרות פון דיא נביאים און האט זיי מיט דיעזעלבע בעגייסטערונג פערטהיילט צו זיינע ברידער און צו זיין הערצענסגעליעבטע ציון — זיין ערשטע און לעצטע ליעבע; דיא געלוסטיגקייט פון זיין נאבעלער נשמה.

יהודה הלוי האט בעזונגען זיין אונשטערבליכע „ציון,“ אין דער גאלדענער צייט פון דער אידישער פאעזיע, ווען עס האבען העל און גרוים געשיינט אזעלכע ליכטיגע שטערען וויא ר' משה אבן עזרה, יהודא אבן־גיאת, יהודא אבן־עבבאס, שלמה אבן־צאקבעל און אנדערע בעריהמטע דיכטער פון יענעם דור. זיי האבען אלע דאן געזונגען זייערע ליעדער און געשריעבען גרויסע ווערק, דאך דער גרעסטער און אייביגסטער פון זיי איז דער זינגער פון „ציון הלא תשאלי.“ — יהודה הלוי. זיין נאמען איז געבליעבען ניט נאר אויף דיא קאלטע בלעטער פון דער געשיכטע, זאנדערן מיט פייער־דיגע אותיות איז ער איינגעקריצט אין דיא הערצער פון זיינע גלות ברידער. זיינע מאנומענטען שטעהען אין דיא מחזרים, סדורים און קינות, זיין נאמען איז איינגעשלאסען אין דיא תפילות, וואס בעקרוינען דיא אידישע ימים טובים און גיסען אן דיא אידישע הערצער מיט ליעבע און בטחון.

לעבענדיג אין שפאניען אין 11טען און 12טען יאהר הונדערט, אונטער דעם איינפלוס פון אראבישער קולטור, האט יהודה הלוי, פונקט וויא זיינע צייט גענאסען און חברים, אויך געדיכטעט און גע־

שריבען אין אראביש. דאך אין דער צייט, וואס דיא איבעריגע אי־דישע דיכטער האבען געזוכט נאכצוטהאן די אראבישע פאעטען, און האבען פערווענדעט כמעט זייער גאנצען גייסט אויף דיעזער פרעכ־טיגער, פרעמדער שפראכע, פאר א פרעמד פאלק אין א פרעמדע קולטור, האט יהודה הלוי געזונגען זיינע רייכע שמעקעדיגע ליעדער אין דעם הייליגען לשון פון דיא פראפעטען. מיט דעם פייער פון זיין גליהענדער זעעלע האט ער אנגעצונדען דיא מנורה אין דעם טעמפעל פון זיין פאלקס אונשטערבליכקייט און זיא וועט אייביג ברענען.

אזוי וויא מען קען זיך ניט פארשטעלען א מאי אהן בלומען, און א זעלטענע שעהנהייט — אהן א זיסע מינע, אזוי קען מען זיך ניט פארשטעלען יהודה הלוי אהן ציון. ביידענס אייביגע נעמען קומען גלייך אויפ'ן זכרון, אזוי ענג און איניג זיינען זיי צוזאמענ־געוועבט מיט זיידענע ליעבעס פעדים און גאלדענע שטראהלען, אין יהודה הלוי'ס אייביגע מעלאדיען. זיין גייסט און זיין נשמה זיינען צוזאמען געגאסען מיט אלע הייליגע, היסטארישע פלעצער פון ארץ ישראל, אז מען קען ניט דענקען וועגען דעם קלענסטען שטייבעלע פון אונזער אלטער, אמאליגער היים מען זאל פאראיינס ניט דענקען וועגען יהודה הלוי'ס טיעף דורכגעלעבטע און דורכגע־פיהלטע ציון געזאנגען, אין וועלכע עס וועהט דערזעלבער לאוער זאנפטער ווינטעלע, וואס גלעט דיא בלומען פון כרמל און מאכט שעפטשען דיא גרינע עהלבירט בלעטלעך פון דעם הר הזיתים. און כל זמן אידען וועלען קומען וויינען ביי דער איינגעפאלענער וואנד, וועלען זיך זייערע טרעהרען צונויפמישען מיט דיא טרעהרען פון יהודה הלוי —דיא אידישע קלאג מוטער, און ווען ישראל וועט אמאל „אויפגעריכט און אויסגעלייזט“ ווערען פון דעם פינסטערען גלות, וועט יהודה הלוי זיין דיא זיסע הארפע צו זייערע פרייהייטס ליעדער, זייער נייעם „אז ישיר.“

דיא ביאגראפיע פון דיעזען דיכטער פרינץ איז דערפאר אזוי וויכטיג פאר דעם אידישען לעזער, וועלכער בעקענט זיך מיט דעם גרעסטען זוהן פון זיין פאלק. דען אויסער א דיכטער איז

יהודה הלוי אויך געווען א גרויסער פילאזאף, וואס האט געזוכט דורך טיעפע חקירה און זעלטענעם שארפזינן אויפצוצייגען די ערהאבענהייט פון דער אידישער אמונה און דעם אונבעשטרייטבא־רען אמת פון אחדות הבורא.

גרויסע מענשען לעבען אין גרויסע צייטען און אויך די צייט פון ר׳ יהודה הלוי איז איינע פון די וויכטיגסטע אין דער אידישער געשיכטע און זאגאר אין דער אלגעמיינער וועלט געשיכ־טע, וויא מיר וועלען דאס שפעטער זעהען. און פונקט וויא עס איז אונז נויטיג צו קענען דעם דיכטער אזוי איז אונז אויך וויכטיג זיין צייט, זיינע חברים, זיינע צייט מענשען און די גאנצע אורה פון יענער מענשהייט. דען נאר וויסענדיג און פערשטעהענדיג דאס אלץ וועלען מיר בעסער בעגרייפען די פערזאן, וואס מיר זוכען צו קענען.

1 — דיא שפאנישע דיכטער.

בעגייסטערטע משוררים אין יהודה הלוי׳ס צייט — יהודה חריזי׳ס שעהנע פערזען וועגען דער אידישער געזאנג־פעריאָדע אין שפאניען — שלמה אבן־גבירול און זיינע גרויסע ווערק — דיא פערשיעדענהייטען צווישען אבן גבירול און הלוי.

ווען מען זאָל צונעהמען פון דער העברעאישער ליטעראטור דיא פאָעזיע פון דיא שפאנישע פאָעטען דאן בלייבט איהר כמעט ניט מעהר וויא דיא ביבעל. עס האָבען זיך געפונען אידישע דיכטער אין יעדען דור אין יעדען לאנד, דאָך שפאניען שטעהט מיט איהרע משוררים צום העכסטען. ניט קיין קליינע דיכטער האָבען אידען געהאט אין איטאליען. מען דארף נאָר אָנרופען דיא נעמען קלונימוס בן קלונימוס (1287) עמנואל הרומי (1272) דיא שפעטערע דיכטער וויא יוסף אלמנצי,ביידע לוצטו׳ס און אנדערע, דאָך האָט דיעזע מדינה פון זונשיין און בלומען ניט אריינגעגעבען איהר ליכט און פארפומע אין איהרע העברעאישע פאָעזיע. דיא אידישע משוררים פון דער איטאליענישער שולע פעלט דיא ארגינאליטעט, דיא ריינקייט, דיא טיעפקייט, דיא עלאסטישע, ווייכע, גלענצענדע בייגזאמקייט פון זייערע שפאנישע פאָרגענגער, וועלכע האָבען גע־מייסטערט העברעאיש מיט וואונדערבארע געניטקייט און זעלטענער קינסטלער קראפט.

גרויסע מייסטערס זיינען זיי אלע געוועזן, אפילו דיא, וואָס האָבען זיך נאָר געשפיעלט מיט דער שפראכע און האָבען בלויז נאָכגעמאכט דיא אראבישע דיכטער פון יענער צייט. יהודה הלוי שטעהט ניט אליין, ער איז ארומגערינגעלט פון א סך בעגייסטערטע מוזען־קינדער. נאָך מיט 65 יאָהר פאר איהם איז אויפגעגאנגען א זונן אויף דעם הימעל פון דער אידישער פאָעזיע אין שפאניען, וואָס האָט ליידער ניט לאנג געשיינט און איז באלד פערלאָשען געוואָרען :

דאָס איז געווען דער גייסטרייכער, טיעפזיניגער פּאָעט און דענקער רב שלמה בן יהודה אבן־גבירול, אָדער וויא ער איז בעקאַנט אין אראַביש מיט דעם נאָמען אבו־איוב סולימאַן אבן־יחייא. דיעזער וואונדערבאַרער מענש האָט סך הכל געלעבט 49 יאָהר און דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען ווערט לעבען אייביג. כל זמן מענשען וועלען פיהלען און דענקען וועלען לעבען אבן־גבירול'ס קרעפטיגע שירים, איבערהויפּט זיין פילאָזאָפיש־פּאָעטיש ווערק „כתר מלכות," וואָס האָט כמעט קיין גלייכען אין קיין ליטעראַטור.

שלמה אבן־גבירול איז געבאָרען געוואָרען אין מאַלאַגאַ שפּאַניען אין דעם יאָהר 1021 און איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 1070 פּונקט אין 16 יאָהר שפּעטער אין 1086 האָט יהודה הלוי דער־זעהען דיא וועלט, מען קען זאָגען, אז מיט אבן־גבירול איז דיא העברעאישע פּאָעזיע אין שפּאַניען געבאָרען געוואָרען און נאָך ר' יהודה הלוי איז זיא אָבגעשטאָרבען. עס האָבען זיך נאָך אפילו געפונען דיכטער, וואָס האָבען זיס און ליעבליך געזונגען, אָבער דער פייער פון דיא אמת'ע פּאָעזיע האָט זיי געפעהלט. זיי זיינען געווען שעהן, אָבער פלאַך. אבן־גבירול און יהודה הלוי האָבען אויסגעשעפּט דעם גאַנצען קוואַל פון דיא פּאָעזיע און עס איז ניט מעהר געבליעבען קיין בעגייסטערונג פאַר דיא שפּעטערע דיכטער.

יענע ערהאַבענע געזאַנג־פּעריאָדע פון דיא שפּאַנישע אידען ווערט שפּעטער גרויסאַרטיג געשילדערט אין דעם ספר תחכמוני (שער י"ח) פון דעם גרויסען פּאָעט יהודה חריזי (1218).

אָט זיינען חריזי'ס מייסטערהאַפטע ווערטער:

ויקם אחריהם דור המשוררים הנעמנים־ונקרא זמנם זמן הנצנים, כי היה הדור כמו קוצים והם כשושנים, והוא דור המשוררים הנפלאים, הקוראים חבל נביאים, אשר היה מהם הלוי רב יהודה, תור התורה ועדי התעודה, ושאר משוררי דורו ילוה אליהם השלום, ואף על פי שלא הגיע אחד מהם בשירו למעלות רבי שלמה, ולא השיג לתוקף נאמו, ימתק טעמו, אך היה להם מלים נפלאים, וחרוזים נוראים, ועל פיהם נראו נוראות השירים הערבים, כאלו לקוחים מפרי

כרובים, יתנח עליהם הרוח והמה בכתובים, ויתנבאו ולא יספו, ולשמוע נוראות שירם נדבי עמים נאספו.

אין אידיש קענען עטליכע פון דיעזע שורות איבערגעזעצט ווערען אומגעפעהר אזוי:

נאך זיי האט מען געזעהען א דור פון דיכטער בליהען — א זעלטענע צייט פון הימעל זיסע מעלאדיען — דאס איז געוועזען דער דור פון גייסטיגע ריעזען — וויא א נביאים כאר האבען זיי זיך בעוויעזען — דא איז יהודה הלוי אויך אויפגעטרעטען — דער תורה׳ס שטאלץ און דיא ציערונג פון דיא פראפעטען — און אנדערע זינגער, אויף זיי א אייביגער פריידען, — דער חן און דער כבוד פון דיא שפאנישע אידען — דאך אבוואהל קיינער פון זיי האט געקענט דערלאנגען — וויא גבירול דעם העכסטען הימעל פון געזאנגען — דאך האבען זיי געפונען ווערטער שארף און מעכטיג — און זייערע ליעדער זיינען גרויס און רייך, און פרעכטיג.

וויא מען זעהט האט חריזי געשטעלט אבן-גבירול אלס דיכטער העכער אפילו וויא יהודה הלוי. ווען מען בעטראכט גבירול׳ס קורצען לעבענס לויף מוז מען ווירקליך שטוינען איבער דיא גרויסקייט פון זיינע ווערק איבער דעם הייליגען פראכט, וואס ליעגט אויסגעגאסען אויף אלע זיינע פערזען און איבערהויפט איבער זיין געטליכע הימנע „כתר מלכות,“ איבער זיינע בעריהמטע ווערק אין לשון קודש און אראביש, וואס ער האט געמייסטערט וויא קיין אנדערער. מעגליך אז ער האט אין דער פאעזיע אין מאנכע ערטער איבערגעפליגעלט דעם גרויסען ציון זינגער, דאך אלס פילאזאף שטעהט יהודה הלוי הימעל הויך איבער איהם. עס איז איבערהויפט שווער צו זאגען וועלכע פון דיא צוויי מייסטערם עס איז גרעסער אין דער פאעזיע ווייל דער שטאף, וואס זיי בעארביי-טען, איז אזוי פערשיעדען. גבירול בעזינגט זיין אייגענעם אונגעלונגענעם לעבען, דיא אכזריות פון שיקזאל, וועלכער האט איהם אזוי ביטער אבגענארט, וועהרענד יהודה ווידמעט זיין הייליגע הארפע, מיט א גאנץ קליינע אויסנאהמע, אויסשליסליך צו זיין פאלק.

אפילו אין זיינע ליעבע־ליעדער זעהט מען אויך נאָר דיא אידישע טאָכטער דעם ערהאבענעם טיפ פון דיא בנות ציון. גבירול און יהודה זיינען פערשיעדען אין דער ליריק פונקט וויא געטהע און היינע. *) גבירול איז א היינע און יהודה—א היינע און א געטהע צו־זאמען.

מען דארף נאָר דורכלעזען יהודה הלוי׳ם ליעבע־ליעדער צו דערזעהען דעם גרעסטען ראָמאַנטיקער אין דער העברעאישער ליטעראטור; צו דערזעהען היינע׳ס א לייבליכען חבר, און מען דארף זיך ארייגלאָזען אין זיינע פילאָזאָפישע אנשויאונגען אום צו דערזעהען פאר זיך דעם גרויסען דענקער, וועלכער אלס פּאָעט־פילאָזאָף, אָדער פילאָזאָף־פּאָעט האָט צו זיך קיין בעסערען פער־גלייך וויא געטהע. און ביידע בעריהמטע דייטשע דיכטער האבען מודה געווען, אז יהודה הלוי איז איינער פון דיא גרעסטע וועלט־זשעניען.

געטהע זאָגט, איבערלעזענדיג „ציון הלא תשאלי“: — „עס ליעגט א פייער פון בענקשאפט אין דיעזער קינה וויא אין ווייניג געדיכטען“ און היינע האָט זיין אידישען ברודער־פּאָעט נעווידמעט א אונשטערבליכעס געדיכט פון פיעל הונדערט ציילען.

---

*) זעה „היינריך היינע — זיין לעבען אין זיינע שריפטען“ ארויסגעגעבען פון דיא „אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק פערלאג קאָ.“

2 — דיא אידיש־שפּאנישע צייט

דיא תורת טראָגט זיך איבער פון בבל נאָך שפּאניען — מחלקות צוליעב גאונים אין פּומבדיתאָ — דער אונגליק מיט דיא שלוחים פון סוראָ'ר ישיבה — דיא גרויסע בעדייטונג פון אבן שפּרוט — שפּאנישע אידען דערוויסען זיך צום ערשטען מאָל וועגען דיא אידישע מלוכה פון דיא חאזארען.

מיר האָבען פריהער בעמערקט, אז יהודה הלוי האָט געלעבט אין א גרויסע צייט פאר אידען. מיר וועלען דערפאר ווארפען א בליק אויף דעם אידישענשטאנד אין יענע דורות אום בעסער צו פער־שטעהען אונזער דיכטער. ניט אומזיסט ווערט יענע צייט בעצייכענט אין דער אידישער געשיכטע אלס דיא „אידיש־שפּאנישע צייט," דיא מדינה פון צלמים און אינקוויזיציעס, וועמעס נאָמען עס ווארפט ארויף א שרעק אויף יעדען דענקענדען מענשען, איז נאָך אין דעם 10טען און 11טען יאָהר הונדערט ניט געווען דיא שפּאניען פון טארקוואמאדעס צייט. דיא קירכע האָט נאָך דאָרט דאן קיין פעסטען פונדאמענט ניט געהאט און דיא שפּאנישע הערשער זיינען דאָס רוב מחמדאנער, וואָס האָבען גערעדט אראביש און געהאלטען דיא רעליגיאָן פון איסלאם.

נישט אלע פון דיא אראבישע כליף'ן (הערשער) זיינען געווען פיינע מענשען, מאנכע פון זיי האָבען ארויסגעוויעזען געגען אכזריות געגען אידען, דאָך דיא מעהרצאָהל פון זיי זיינען געווען גערעכט, גוט און בארעמהערציג. זיי האָבען געגעבען דיא אידען א סך רעכטע, און זיי ערהויבען צו דיא העכסטע שטאפּלען פון כבוד און גדולה. אין דיא אראבישע הויפען האָבען זיך שטענדיג געפונען אידישע דאָקטוירים און אידישע געלעהרטע מיט וועלכע דיא הערשער האָבען שטאָלצירט און אין וועמעס זכות דיא שפּאני־

שע אידען האָבען גענאָסען א סך פרייהייטען און גרויסע פריווי־לעגיעס.

אין דער צייט פון 950 ביז 1020 נאָך קריסטוס געבורט איז בעזאָנדערס גוט געווען אין שפּאניען. דער עדלער כליף עבדאל רחמן דער דריטער איז געווען א גרויסער ליעבהאָבער פון חכמה און האָט מקרב געווען אַלע מענשען, וואָס האָבען זיך בע־שעפטיגט מיט וויסענשאַפט; קיין אונטערשיעד צו וועלכע אומה אָדער אמונה דיעזע מענשען האָבען געהערט. עס איז דערפאַר גאַנץ גוט געווען קריסטען און אידען, דער אונטערשיעד איז נאָר געווען צווישען דיאביידע, וואָס דיא קריסטען, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט געראָפען מוזעראַבער, האָבען אָנגעהויבען פערלאָזען זייער אמונה און זייער שורש, ווערענד דיא אידען האָבען געזוכט מחזק צו זיין זייער גלויבען, צו בעפעסטיגען דאָס אידישקייט און צו בעלעבען דיא העברעאישע שפראַכע.

דיא אויפבליהונג פון תורה און חכמה אין שפּאניען, איז געקומען אין יענער קריטישער צייט, ווען אין דער גרויסער אידישער ישיבה פון פומבדיתא, בבל, האָט דיא תורה אָנגעהויבען ביסלעכווייז שוואַך צו ווערען. דער הייליגער פייער פון דיא אידישע למודים האָט זיך אין בבל ניט אויסגעלאָשען, זאָנדערן ער האָט זיך אי־בערגעטראָגען נאָך אייראָפּאַ. בבל וואָלט נאָך אפשר פאַר א צייט געווען דער מיטעלפונקט פון אידישע לעהרונג ווען ניט דאָס אָפּטע מחלוקות פון דיא דאָרטיגע אידען וועגען דעם טיטעל „גאון“. דאַן האָט נאָך ניט געקענט יעדער רב׳ל זיך א נאָמען געבען „גאון“. דיעזען טיטעל האָט מען געמוזט קריעגען. צו ווערען א גאון האָט מען געדאַרפט האָבען סמיכה. מאַנכע איז דאָס אָבער דאָך גע־לונגען זיך ארויפצוכאַפּען אויף דער שטעלע פון „גאון“ אפילו געגען דעם ווילען פון עולם. דאָס האָט א סך געהאָלפען אונטערצוברייכ־גען דיא ישיבה פון פומבדיתא און דאָס יודענטהום האָט דאָרט אויפגעהערט בליהען און וואַקסען.

קיין גרעסער גליק האָט אויך געהאַט דיא ישיבה פון סורא, וועלכע האָט ארויסגעשיקט פיער שלוחים צו זאַמלען נדבות. דריי

פון דיא שלוחים האט דער מחמדאנער אדמיראל אבן ראמחאיץ געפאנגען. איינעם פון זיי: שמריה בן אלחנן, האט דער אדמי־ראל פערקויפט אין אלכסנדריען, דארט האבען איהם דיא אידען אויסגעלייזט און ער האט זיך בעזעצט אין קאירא. דעם צווייטען: חושיאל האט מען פערקויפט אין אפריקא און ער איז געבליעבען אין קירואן; דער דריטער: נתן בר יצחק איז פערווארפען געווארען קיין נארבאן; דער פיערטער אבער — ר׳ משה בן חנוך — האט געליטען מעהר פון זיינע אומגליקליכע חברים. ער האט געהאט זעהר א שעהן, געראטהען ווייב און א קינד וואס ער האט שטארק ליעב געהאט און האט זיי מיטגענומען אויף זיין נסיעה. ווען מען האט זיי אלע געפאנגען האט דער אדמיראל געווארפען אן אויג אויף דאס אידישע ווייבעל און האט איהר אנגעפאנגען טשעפען. זעהענדיג, אז זיא וועט זיך פון זיינע הענד ניט ארויסדרייען, און אז דיא סכנה איז גרויס, האט זיא מיט דיא צושטימונג פון איהר מאן, וועלכער האט איהר פערזיכערט, אז זיא וועט אויפשטעהען תחית המתים, זיך ארייגעווארפען אין ים. נאך דעם אומגליק האט מען ר׳ משה בן חנוך מיט זיין קליינעם זוהן געבראכט אלס שקלאוו אין קורדובה, שפאניען, און דארט האט איהם דיא אידישע קהלה אויסגעלייזט, אבוואהל קיינעם איז גאר אויף דער מחשבה ניט געקומען, אז מיט דעם פדיון שבויים האבען זיי בעפרייט אזא מאן, וואס אויף איהם איז געפאלען דער גורל ארייצוברייננגען א נייע ליכטיגקייט אין לאנד, וואס דארף בעשיינען דאס גאנצע יודענטהום פון שפאניען.

ר׳ משה בן חנוך האט באלד ניט מגלה געווען ווער ער איז, און ווען ער איז דאס ערשטע מאל געקומען אין בית המדרש האט ער זיך געזעצט ביי דער טהיר אין א ווינקעלע און האט געהערט תורה פון קורדבה׳ס רב ר׳ נתן, וועלכער איז ניט געווען קיין גרוי־סער למדן. ווען ר׳ נתן האט אבער א טעות געהאט, האט זיך ר׳ משה ניט געקענט בעהערשען, איז שטיל צוגעגאנגען און מיט גרויס ענייות אויפגעקלערט דעם פשט. דער עולם האט באלד דערזעהען, אז ער האט צו טהאן מיט א זעלטענעם חריף, דיא לומדים האבען

זיך פערוואונדערט אויף ר' משה'ס גרויסע בקיאות און טאקע באלד אויף מארגען האט ר' נתן מיט'ן ווילען און גרוים עהרליכקייט איבערגעגעבען דאס רבנות צו ר' משה'ן, ערקלערענדיג איהם אלס גרעסערען למדן.

דער כליף עבדאל רחמן איז געווען צופריעדען פון ר' משה'ס רבנות און זיין גרויסען איינפלוס, וואס ער האט באלד געקראגען אויף דיא שפאנישע אידען. דען מאכענדיג שפאניען פאר דעם צענטער פון אידישקייט און אידישע לעהרונג האבען דיא שפאנישע אידען אויפגעהערט שיקען געלד נאך בבל און האבען נאטירליך פערניצט זייער געלד ביי זיך אין לאנד. אזוי האט זיך געעפענט אין שפאניען דער פרישער שטראם פון תורה און חכמה, וואס האט בעלעבט אלע אידישע הערצער און מחות.

עס זיינען דאן געווען אין שפאניען, אויסער ר' משה בן חנוך, אנדערע אידישע געלעהרטע וויא דער מדקדק מנחם בן סרוק און דער שפראכענקענער דונש אבן לברט, אבער גרעסער א סך פון דיא דריי בעריהמטע גדולים איז געווען אבו יוסף חסדאי בן יצחק אבן שפרוט פון דער משפחה אבן עזרה. ער האט אויפגעשטעלט פאר דיא שפאנישע אידען א גייסטיגען בנין, וואס האט געדויערט גאנצע פינף הונדערט יאהר. ער איז געווען דער שטאלץ און דער כבוד אין הויף פון כליף עבדאל רחמן און וויא דיא זונן אין הימעל האט ער אראבגעשיינט אויף זיינע ברידער אין שפאניען און אויף זיין גאנץ פאלק. חסדאי איז געווען א גרויסער למדן, א זעלטענער שפראכענקענער און א בעריהמטער דיפלאמאט און דיעזע אלע דריי מעלות האט ער אויסגענוצט אין אידישקייט. ער האט אזוי בע־פעסטיגט דאס שפאנישע יודענטהום און האט אין דעם אריינגע־געבען אזא קראפט, וואס האט זיך ניט אויסגעשעפט און איז ניט שוואך געווארען ביז דיא אינקוויזיציע האט ארויסגעטריעבען דיא אידען פון שפאניען.

אין דער צייט פון חסדאי האט מען זיך דאס דערוואוסט אין שפאניען פון דיא חאזארען, (כוזרים) א אידיש פאלק, מיט א'ן אייגענע אידישע מלוכה, וואס האט זיך געצויגען פון דעם טייך

דאָן איבער קאַווקאַז ביז צום שווארצען ים און דעם דניעפּער. דיא הויפּט שטאָדט האָט זיך געפונען אויף איין אינזעל פון דער וואָלגא. חסדאי איז אויך געווען דער ערשטער איד, וואָס האָט געשריעבען אַ בריעף אויף לשון הקודש צו דעם חאַזאַרישען מלך יוסף, וועלכער האָט איהם געענטפערט, אַז דיא חאַזאַרען שטאַמען ניט פון דיא עשרת השבטים זאָנדערן, אַז זייער מלך בולאַן האָט זיך מגיר געווען און אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. דיעזען שטאָף האָט שפּעטער ר' יהודה הלוי בענוצט פיר זיין גרויס פילאָזאָפיש ווערק ספר הכוזרי, אין וועלכען ער ווייזט אויף, אַז פון אַלע גלויבענס איז דאָס אידיש גלויבען דאָס ריכטיגע.

אין פראַנקרייך האָט זיך צווישען דיא אידען אויך שטאַרק בעפעסטיגט דאָס לערנען תורה, אָבער וויא אין אַנדערע קריסטליכע לענדער, האָבען דאָרט אידען שטאַרק געליטען פון דיא גלחים און עפּיסקאָפּען, וואָס האָבען געהאַט דיא הויפּט דעה אין לאַנד. אַלע ווילע פּלעגט דיא קירכע אונטערהעצען און מאַכען אינטריגעס וואָס פלעגען ברייננען בלוטפערגיעסונג און טויט.

אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט דיא אידישע לאַגע געווען אַ מיטעלמעסיגע, צו דערליידען. קיין לומדים האָבען זיך צווישען זיי ניט געפונען און ערשט אין יאָהר 960 איז געבאָרען געוואָרען דער בעריהמטער רבינו גרשום בן יהודה, וואָס מען האָט איהם ניט אומזיסט גערופען „מאור הגולה“ (דאָס ליכט פון גלות) רבינו גרשום און זיין ברודער רבינו מכיר האָבען בעפעסטיגט דאָס לערנען פון תורה. רבינו גרשום האָט געשריעבען אַ פירוש אויף עטליכע מסכתות און אַלע פראַנצויזישע, דייטשע און איטאַליענישע אידישע קהלות האָבען איהם בעטראַכט וויא אַ גאון און מען האָט זיך אויפגעהערט ווענדען מיט שאלות קיין בבל. בעזאָנדערס האָט זיך רבינו גרשום בעריהמט געמאַכט מיט דעם חרם, אַז מען טאָר ניט נעהמען מעהר וויא איין ווייב.

אין מאַינץ האָבען אידען דעמאָלט געליטען גרויסע צרות. דער קייזער היינריך דער צווייטער האָט געגלויבט אויף אידען אַלע בלבולים, וואָס דיא גייסטליכע און סתם אידישע שונאים

האָבען איהם דערצעהלט. אידען זיינען געצוואונגען געווען זיך צו־שמד'ן און צווישען דיא גע'שמד'טע איז אויך געווען רבינו גרשום'ס א זוהן.

אין דעם 11־טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אויף אָנגע־אַנ־גען רדיפות אין דיא לענדער פון מזרח־זייט און מצרים. דער כליף חכים איז געווען א זעלטענער פאַנאַטיקער און האָט זיך ענדליך אליין איינגערעדט, אז ער איז א גאָטט און געוואָלט מען זאָל אין איהם גלויבען. ער האָט אָנגעטהאָן גרויסע צרות ניט נאָר אידען אליין, נאָר אויך קריסטען און מחמדאַנער, וואָס האָבען ניט אנער־קענט זיין געטליכקייט. געוועהנליך האָבען אידען געליטען אם מעהרסטען, ביז אין דעם יאָהר 1020 האָבען איהם דיא מחמדאַנער אליין דער'הרג'עט.

* * *

אַט אזוי האָט אויסגעזעהן דיא אידישע וועלט 136 יאָהר פאַר יהודה הלוי'ס געבורט. אזוי האָט זיך אין שפּאַניען גענומען ענטוויקלען א פעטער, פעסטער באָדען פאַר דיא שפּעטערע אידישע נביאים פון דער נייער צייט. אַבוואָהל שפּאַניען איז שוין דעמאָלט געווען רייך אין אידישע גדולים, קענער אין פערשיעדענע צווייגען פון וויסענשאַפט, איז נאָך פון דעסטוועגען דער שטאַם פון יהודה הלוי'ס נשמה ניט אין גאַנצען פאַרטיג געווען. אידען האָבען נאָר געדאַרפט א סך לעהרנען, קעמפּפען שטייגען און פאַלען, זיעגען און פערלירען, אויפטהאָן און בעפעסטיגען ביז דיא צייט פון דעם גרעס־טען אידישען זינגער איז געקומען. יהודה הלוי, אלס דער פאָל־שטענדיגסטער אידישער גייסט, האָט געמוזט געבאָרען ווערען אין אַן אָרט, וואו דיא תורה און דיא חכמה האָבען עררייכט זעהר א הויכע שטופע און האָבען זיך פעסט איינגעוואָרצעלט אין דיא אי־דישע הערצער און מחות און האָבען געניאָסען כבוד, גלאַנץ און גדולה. ערשט דעמאָלט איז געקומען יהודה הלוי און האָט דאָס אלץ איינגעזויגען אין זיך, איינגעזאַפּט אין זיין הייליגער, גרויסער זעעלע, און געגעבען אידען און אידישקייט דעם העכסטען, פאָל־שטענדיגסטען אויסדרוק אין זיינע אונפערגלייכליבע מייסטערווערק.

3 — פּאָרטשריט פון שפּאנישע אידען

דיא אינלענדישע מחלקות פון דיא מחמדאנישע הערשער אין שפּאניען — עס קומען צו נייע אידישע גדולים אין תורה און דרך ארץ — דער שוידערהאפטער סוף פון אביל־הוסיאן יוסף אבן־נאגרעלא און דיא אויסשלאכטונג פון אידען אין גראנאדה — דיא ערשטע מחברים מפרשים פון תוספות.

נאָך חסדאים טויט איז געוואָרען דער הויפּט פיהרער פון די שפּאַנישע אידען, ר׳ שמואל הנגיד פון דער משפּחה אבן־נאגרילה, וועלכער איז געווען אַ מענש מיט אַ פעסטען ווילען, אַ שאַרפען מח און מיט אַ גוט, עדעל הארץ. ר׳ שמואל האָט געלעהרנט תורהביים לעטצטען רב חנוך — לשון הקודש און דקדוק — ביי ר׳ יהודה חיוג, און אַנדערע לשונות — ביי דיא בעסטע שפּאַנישע געלעהרטע. ווען ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר איז אין שפּאַניען אַרויס אַ אינעווענינגסטע קריעג און עטליכע ערטער האָבען זיך אָבגעטהיילט און זיינען געוואָרען זעלבסטשטענדיגע קליינע מלוכות. דעמאָלט זיינען פיעל אידישע פאַמיליעס געצוואונגען געווען זיך אַרויסצוקלייבען פון קורדבה און זיך בעזעצען אין גראַנאַדאַ, טאָלעדא און סרגוזה, און שמואל איז אַריבער קיין מאַלאַגאַ, אַ שטאָדט ביי׳ם ים, וואו ער האָט זיך געצויגען זיין פּרנסה פון אַ קלייטעל, וואָס ער האָט דאָרט געעפענט ניט ווייט פון אַ פּאַלאַסט, וואָס דעם גראַנאַדישען קעניג׳ס חאַבוס הויפּט־מיניסטער אבו־אלקאסאם אבן־אלעריף האָט אויסגעבויט. שמואל האָט זיך אויסגעקליעבען דעם אָרט צו זוכען פּרנסה רעכענענדיג, אַז נעבען אַ גרויסען פּלאַטץ וועט ער מעהר פערדיענען. זיין גורל האָט איהם אָבער ניט בעשטימט פאַר אַ קרעמער און ער האָט דורך דאָס שכנות דערגרייכט דעם גרעסטען גליק. שרייבענדיג בריעף פאַר דעם הויפּט מיניסטער׳ס אַ שקלאַווין איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט דעם מיניסטער אבן־

אלעריף, וועלכער האט אים געמאכט פאר זיין סעקרעטאר. שמואל האט ערשט געהאט דיא געלעגנהייט ארויסצואווייזען זיין שארפ־זינן און גלייכען פערשטאנד אין געבען עצות און בעזארגען גרויסע זאכען. זיין נאמען איז שטארק געשטיגען און ווען אבן אלעריף איז קראנק געווארען צום שטארבען, האט ר׳ שמואל פערנומען זיין שטעל אלס הויפט מיניסטער. ער איז דאן געשטיגען אלץ העכער און העכער ביז דער קעניג האט איהם געשאנקען דעם טיטעל נגיד. (פירסט).

אז דער קעניג האבוס איז אין יאהר 1037 געשטארבען, איז דיא מלוכה — מיט שמואל׳ס הילף און געגען דעם ווילען פון דיא דעמאלטדיגע פיינסטע אידישע עשירים: יוסף אבן מיגאש, יצחק בן ליאון און נחמיה אשקפה — איבערגעגאנגען צו האבוס׳ס עלטערען זוהן, באדים. שמואל האט אויסגעפיהרט א סך נצחונות פאר דעם הערשער און איז געווארען דער גרעסטער חשוב אין באדים הויף. אבוואהל שמואל איז געווען שטארק פערנומען מיט דער מלוכה, וועלכע איז כמעט אין גאנצען געלעגען אויף זיינע הענד, האט ער דאך געהאט צייט זיך צו בעשעפטיגען מיט רבנות און איז געווען ארומגערינגעלט מיט לומדים, וואס האבען איהם געהאלפען פיהרען א ישיבה און אכטונג געבען אויף דער אמונה, זיא זאל האבען איהר ריכטיגען גלאנץ. עס פלעגען געהן שאלות־תשובות צווישען איהם און דיא רבנים פון בבל, מצרים, סיריען און אפריקא און ער האט געשיקט גרויסע נדבות צו רב האי גאון און רב נסים פון קיירואן מען זאל אויסהאלטען ארעמע תלמידים. דערצו האט ער נאך אליין אנגעשריעבען צוויי און צוואנציג ספרים און האט דארט ארויסגעוויעזען גרויס בקיאות אין לשון הקודש, אבוואהל ער האט זיך ניט געקענט אויסגלייכען מיט דעם בעריהמטען מדקדק אבן גנא׳ח, וועלכער איז פונקט ווי ער געווען א ציערונג פאר אי־דען פון יענער צייט.

יונה, מרינוס אבן־גנא׳ח, אדער וויא ער האט געהייסען אין אראביש: אבול־וואליד־מערוואן, איז אויך ערצייגען געווארען אין קורדובה, וואו ער האט געשטודירט מעדיצין אין דער אוניווערזיטעט.

וואָס דער כליף אלחכים האָט גענרינדעט. שפּעטער, ווען אין שפּאַניען איז געוואָרען אומרוהיג, האָט אבן־גנא'ח פערלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט און זיך בעזעצט אין סאראגוזה. עס ווערט זיין ניט מעהר וויא רעכט צו זאָגען אז ער האָט געשטעלט דיא העברעאישע שפּראכע אויף א געזונדען פוס, ווייל ער האָט זיין גאַנץ לעבען געאַרבייט נאָר אין דקדוק און געזוכט פעסטע כללים עס זאָל לייכטער זיין צו לעהרנען לשון קדוש. ער האָט דערפאר אנגעשריעבען אויף דער עלטער זיין בעריהמטען פירוש אויף דער תורה, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען „ספר הרקמה". ער האָט געקוקט אויף יעדען פּסוק פון דער תורה וויא אַן אמת'ער דענקער און זיין כלל איז געווען, אז דיא תורה רעדט מיט א מענשליכער שפּראכע, וואָס דאַרף פערשטאַנען ווערען אָהן שום סודות און אָהן רמזים.

אויסער **אבן גנא'ח** און דער ליכטיגער שטערען שלמה בן גבירול, וועלכע האָבען בעלויכטען דעם הימעל פון דער שפּאניש־אידישער ליטעראַטור פון דיא ערשטע העלפט פון 11טען יאָהר־הונדערט, איז אויך אויפגעשטאַנען אַן אַנדער אידישער פילאָזאָף — רבנו בחיי הדיין בן יוסף אבן פּקודה (בקודה). דיעזער געלעהרטער האָט זיך גענומען אויף אַן אַנדער דרך. ער האָט געוואָלט בעקרעפטיגען דאָס אמת'ע פרומקייט צווישען אידען. ער האָט געוואָלט מאַכען א נייעם קאָדעקס מיט דינים פאר'ן הארצען. ער האָט דיא מצוות אַנגעקלייד אין א נייעם מאַנטעל פון קדושה און אויפגעוויעזען וויא געשמאַק און גוט דאָס איז פרום צו זיין. אויף זיין ספר „חובת הלבבות" דיא „פפליכטען פון דיא הערצער" שוועבט אַזאַ זיסקייט און חן, אז זיי געווינען מיט זייער צויבערקראַפט דיא אמת עהרליכע אידען. זיין הויפּט לעהרע איז געווען, אז דער מענש זאָל נאָר לעבען לשם שמים. ער האָט געוואָלט איינפיהרען אידישע נזירים, אָבגעזונדערטע פון דער וועלט. פּונקט וויא ביי קריסטען און אינדער, און זיינע ספרים זיינען ביים פאָלק שטאַרק בעליעבט געווען.

אָט אַזעלכע מענשען האָבען דאָס געלעבט אין שמואל הנגיד'ס צייט. זיי האָבען געהאַט מיט איהם אין איינעם נאָר איין ציעל :—

צו דערהויבען און שטארקען דאס אידישקייט. נאך שמואל׳ס טויט האט דער קעניג באדיס איבערגעגעבען זיין שטעלע און געשענקט דאס אייגענע צוטרויען ר׳ שמואל׳ס זוהן אבול-הוסיאן יוסף אבן־נאגרילא. אבוואהל ער איז נאך געווען זעהר יונג, האט ער דאך געקענט אין דער זעלבער צייט זיין דער הויפט פיהרער פון דער רע־גיערונג און דער פארשטעהער פון דיא שפאנישע אידען. ער איז אין גרונט גענומען געווען א בעשיידענער מענש, נאר דארט, וואו ער האט געוואלט ארויסווייזען זיין גרויסקייט האט ער זיך גראד געשטעלט מיט גרויס עקשנות, וואס מאנכע האבען אנגענומען פאר גאוה. זיין עקשנות האט איהם געבראכט זעהר פיעל שונאים. איבערהויפט זיינען איהם דיא אראבער געווארען בלוטיגע פיינד דערפאר, וואס ער האט זיך ארומגערינגעלט נאר מיט אידען און האט זיי געגעבען דיא גרעסטע און בעסטע שטעלען. יוסף האט אבער ענדליך געהאט א שרעקליכען סוף. זיינע שונאים איז דאס סוף כל סוף געלונגען צו מאכען א שנאה צווישען איהם און דעם קעניג באדיס. געפאלען איז יוסף אין אונגנאדע דערפאר, וואס ער האט זיך איינגעשפארט און ניט געוואלט נאכגעבען דעם קעניג׳ס פערלאנג, אבוואהל ער האט מיט זיין עקשנות פערהיט דאס לאנד פון א גרויסע סכנה. אבוואהל דער קעניג האט שפעטער אויסגעפונען, אז יוסף האט רעכט געהאט און האט איהם כלומר׳שט פערגעבען מיט׳ן מויל, איז ער איהם אבער אין הארצען געבליבען א דם שונא און האט זיך שוין צוגעהערט צו אלע רכילות׳ן פון יוסף׳ס שונאים.

עס איז פלוצלונג ארויס א קלאנג, אז יוסף, דער אידישער מי־ניסטער, האט געוואלט פערקויפען גראנאדה צום שונא. באדיס האט געוואוסט, אז דאס איז א ליגען, אבער ער האט זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט און האט געלאזט דאס פייער זיך צוברענען. מיט גרויס אכזריות איז דאס פאלק בעפאלען יוסף׳ס פאלאסט; ער האט זיך געוואלט בעהאלטען אין קאמער פון קוילען און האט זיך אויסגעשמירט דעם פנים, נאר מען האט איהם דערקאנט און באלד גע׳הרג׳עט. ווען דאס פאלק האט זיך פאנאנדערגעלאזט האט עב ניט געוואוסט קיין אויפהער און עס זיינען באלד נאכהער געטוידט

געוואָרען פּופּצעהן הונדערט אידישע משפחות, זייערע הייזער האָט מען פערברענט. דיא איבריגע — צווישען זיי אויך יוסף׳ס פרוי און זיין זוהן עזריה — זיינען אנטלאָפען קיין אליסאַנא (לוזענא) בארוועס און נאַקעט.

יוסף׳ס שרעקליכער סוף האָט געמאַכט א שטאַרקען רעש ניט נאָר צווישען אידען, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען געהערט פון זיין גרויסקייט און איבערגעבענהייט צו דער רעגיערונג. איינער פון דיא בעריהמטע אראַבישע דיכטער אבן אלפרי אין אלמי־ריד האָט אָנגעשריעבען א ריהרענדע קינה אויף יוסף׳ס טויט און לאָזט אויס מיט דיא ווערטער: „מיין אמונה איז ביי מיר דאָס טהייערסטע, דען זיא הייסט מיר פאַר דעם אידען לאָזען א טרעהר.“ מען האָט דעם דיכטער באַלד פערקלאַגט פאַר׳ן קעניג און געוויזען אַז עס איז ניט שעהן פאַר א מחמדאַנער צו בעוויינען א אידען. נאָר דער קעניג האָט דערויף געענטפערט: „איך זעה אַרויס, אַז דער דיכטער מוז האָבען א עדעל הארץ, דען ער בעוויינט א אידען אפילו נאָך׳ן טויט און פיעל פון אונזערע מחמדאַנער קוקען זיך אפילו ביי׳ם לעבען ניט אום אויף זייערע גלויבענס־ברידער.“

דער בלוטיגער אויפשטאַנד געגען יוסף אבן נאגרילה האָט זיך פון דעסטוועגען ניט פערוואַנדעלט אין אַן אַלגעמיינעם יודענ־האַס אין שפּאַניען. ווען דיא טרויעריגע מהומה אין גראַנאַדה איז פאַרביי, איז וויעדער געוואָרען שלום ושלוה. אידען האָבען ווייטער גענאָסען דיא זעלבע רעכטע און פרייהייטען וויא פריהער. אומע־טום האָבען זיי געהאַט דיא בעסטע שטעלען ביי דיא מחמדאַנישע הערשער. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז אפילו דיא קריסטליכע קעניגע האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו בעהאַנדלען אידען מיט מעהר איינזעהענים און האָבען זיך איינגעשאַפט אידישע יועצים און דאָקטוירים אין זייערע הויפען.

דיעזע גליקען האָבען אָבער צו קיין גוטס ניט געפיהרט. וואָס מעהר תקיף אידען זיינען געוואָרען אין דיא קריסטליכע מדינות און וואָס גרעסער זייער ראָלע איז געוועז אין דיא הויפען פון דיא קריסטליכע קעניגע, אַלץ גרעסער איז געוואָרען דיא קנאה, שנאה,

פון דיא גייסטליכע, וואס האבען גצוכט אלערהאנד תחבולות זיך נוקם צו זיין. גרוים אכזריות האט דאן ארויסגעוויעזען דער פאפסט הילדיבראנד, וועלכער האט זיך גערופען גרעגאר דער זיבעטער. ער איז געווען א בעוואוסטער צורר היהודים, א בלוטיגער אידען־פיינד און האט צוגערעדט אלע קעניגע זיי זאלען זיך דערוויטערען פון אידען. אין דעם יאהר 1078 האט דער בלוטדורסטיגער גרעגאר צוזאמען גערופען אין רוים איין אסיפה פון גייסטליכע, וואו מען האט בעשלאסען פארצוליגען אלע קעניגע זיי זאלען ניט דערלאזען אידען צו קיין אמט. טרעפען האט מען דערמיט געוואלט נאר קאסטילען, וואו דער קעניג אלפאנסא דער זעקסטער פון קאסטי־לען האט געהאט אין הויף אלס לייב־דאקטאר און יועץ דעם אידי־שען געלעהרטען עמרם בן יצחק אבן־שלביב. אויך א איד צידעלום איז ביי איהם געווען זעהר חשוב.

אין שפאניען איז דאן געווען א אונרוהיגע צייט. דיא קליי־נע מחמדאנישע מלוכות פון גראנאדה, קורדובה און טולידא האָ־בען געשארפט דיא צייהנער איינע אויף דיא אנדערע און דער קריסטליכער קעניג אלפאנסא דער זעקסטער פון קאסטילען האט דערוויל געוואלט כאפען פיש אין מוטנע וואסער, העטצענדיג איין מלוכה'לע אויף דער צווייטער זיך ארייננכאפענדיג אליין אין מיטען מיט א כיון עפעס איינצושלינגען. דיא אידען איז דאן געווארען ביטער פון אלע זייטען. אבער וויא שלעכט און אונזיכער זייער עקסיסטענץ איז געווען האבען זיי זיך דאך געהאלטען אן דער תורה. זיי האבען געמאכט ישיבות און געלעהרנט מיט מעהר פליים און איבערגעבענהייט וויא פריהער. צווישען דיא אידען, וואס האבען זיך דאן בעשעפטיגט מיט וויסענשאפטען, זיינען בעזאנדערס בע־קאנט דיא נעמען פון משה בן שמואל אבן־גיקטאליא און יהודה אבן־בלעם פון טולידה. פון דיא לומדים אדער, וואס האבען אין יענער צייט שטארק בעפעסטיגט דעם תלמוד, האט זיך בעריהמט געמאכט רבינו יצחק בן יעקב אלפסי, אדער אלקאלאיי (אדער רי"ף) אין זיין ישיבה האט דאס אונזער דיכטער יהודה הלוי געלעהרנט תורה און פערשיעדענע אידישע למודים.

רבינו יצחק בן יעקב אלפסי איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1013 אין א דאָרף ניט ווייט פון פעז אין אפריקא. ווען ער איז נאָך א יונגער מאַן געווען איז ער געקומען אין שיבילה און איז בע־קאַנט געוואָרען פאַר א גרויסען מופלג. זיין ארט לעהרנען איז גע־ווען ניי און האָט, וויא יעדער נייער אויפטהו, אַרויסגערופען פיעל געגנער. דיאביידע רבנים פון שיבילה: ר׳ יצחק בן ברוך אלבאליה און ר׳ יצחק בן יהודה אבן־גיאת. זיי האָבען איהם שטאַרק גע׳רודף׳ט אפילו דאן, ווען זיין חיבור אויף תלמוד, וואָס מען האָט גערופען אויף זיין נאָמען „אלפס“, האָט שוין געקלונגען אין דער וועלט. איבער דיא רדיפות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהען, האָט רבינו יצחק אלפסי געמוזט אוועקפאָהרען פריהער קיין קור־דובה און שפּעטער האָט ער זיך בעזעצט אין לוצענא, וואו ער איז געבליעבען רוהיג און איז געשטאָרבען אין הויכען עלטער פון נייג־ציג יאָהר.

מיט דעם טויט פון אלפסי האָבען זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט דיא גרויסע אידישע געלעהרטע פון יענעם דור און אין דעם יאָהר 1030 איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט טרויס אין שאַמ־פּאַן, פראַנקרייך, ר׳ שלמה יצחק, וועלכער איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען רש״י. דיעזער גרעסטער פון אלע אידישע מפרשים פון אלע צייטען, וועלכער האָט מעגליך געמאַכט פאַר דער וועלט צו לעהרנען און פערשטעהען תנ״ך און גמרא, האָט וויעדער איבערגע־לאָזט זיינע בעריהמטע דריי איינקלאָך. איינער פון זיי ר׳ שמואל בן מאיר, וואָס מען האָט גערופען רשב״ם און ר׳ יעקב, וואָס איז בעקאַנט אַלס רבנו תם. וועלכער איז אין גרונט גענומען געווען איינער פון דיא ערשטע בעלי תוספות.

* * *

פון דעם געזאָגטען קאַפּיטעל קענען מיר האָבען א אויבער־פלעכליכען בעגריף פון אידען און אידישקייט אין ערשטען העלפט פון 11טען יאָהרהונדערט. מיר האָבען אין דעם קאַפּיטעל ניט גע־זעהען דעם לעטצטען אָטהעם צוג פון דיא גאונים אין בבל, און וויא רש״י איז געבאָרען געוואָרען דאן, ווען דער לעטצטער גאון ר׳

חזקיה איז גע׳הרג׳עט געווארען אין פמבדיתא. דער קאפיטעל איז געשריעבען געווארען בקיצור, ווייל דאס געזאגטע איז ניט בע־שטימט צו זיין אידישע געשיכטע, זאנדערען צו ווארפען א שטראהל אויף דיא גרויסע אידישע לייט און דיא געשיכטליכע פא־סירונגען, וואס האבען אויסגעפלאסטערט דעם וועג פאר יהודה הלוי. דיא אלע נעמען און געשעהעניסען פון דיא צוויי קאפיטלען, איבער דיא „שפאניש־אידישע צייט“, אינטערעסירען אונז נאר אויף אזוי ווייט וויא זיי האבען שפעטער געהאט א ווירקונג אויף יהודה הלוי׳ס פאעטישע און פילאזאפישע שאפונגען. און א שטאר־קע ווירקונג האבען זיי געהאט. דען נאר מיט אזא גרויסען, רייך־בען פארראטה פון פערשיעדענע גייסטיגע מלחמות און נצחונות מיט אזעלכע אונשאצבארע, הייליגע אוצרות פון תורה און דרך ארץ און מיט אזוי פיעל זעלטענע, כמעט אונגלויבליכע, לעגענדארישע און דאך אמת׳ע פאסירונגען האט יהודה הלוי געקענט שאפען וואס ער האט געשאפט. דאך איידער מיר טרעטען צו צו זיינע פאעטי־שע און פילאזאפישע ווערק מוזען מיר ווארפען נאך איין בליק אויף דער געשיכטע פון יענער צייט און איבערהויפט אויף דעם אידישען מצב צווישען דיא אומות.

4 — דער קאמפף וועגען אמונה.

דיא שטורמדיגע צייט אין וועלכע יהודה הלוי האט געלעבט און געווירקט — דער שטאנד פון דיא אידען אין משך פון דעם ערשטען קרייצצוג — קריסטען געהען מיט פייער און שווערד — בלוט בעדער, שמד און הימעל שרייענדע אכזריות — אידען אונטער דיא הערשאפט פון דיא אל־מורבידען אין שפאניען.

דער סוף פון עלפטען יאהרהונדערט האט זיך אנגעהויבען מיט איינעם פון דיא בלוטיגסטע קאפיטלען אין דער וועלט־געשיכטע און ממילא שוין אין דער געשיכטע פון אידען. דען קוים פאנגען אן דיא פעלקער משוגע צו ווערען איז שטענדיג דער ערשטער קרבן דער איד. דיא אנהענגער פון דיא צוויי גרעסטע אומות אין דער וועלט: קריסטען און מחמדאנער האבען אנגעפאנגען צווישען זיך א „היילינע" מלחמה. מיט'ן שווערד אין האנד האבען זיי געוואלט אויסשטרייטען דעם אויבען־אן אין הימעל און אויף דר'ערד. דאס איז געווען דיא שרעקליכע צייט פון קרייצצוגען, וואס האבען שיער פארטרונקען גאנץ איירפא אין בלוט. יהודה הלוי איז נאך דאן געווען א קינד, ווען דיא קריסטליכע מחנות מיט שווערד און צלם אין דיא הענד האבען אויסגעשלאכטעט, פערברענט, פערניכטעט און אויסגע'שמד'ט גאנצע אידישע קהלות.

דער בלוטיגער קריעג האט זיך אנגעהויבען צוליעב ירושלים. דיא היילינע שטאדט מיט איהרע היסטארישע קברים, איז געווא־רען דיא סיבה פון א שוידערהאפטע מהומה, וואס האט געדויערט במעט צוויי הונדערט יאהר. דיא טערקען, וואס האבען דאמאלס געהערשט אויף פאלעסטינא האבען ניט נאר דיא אידען אליין ניט צוגעלאזט צו דער היילינער שטאדט, נאר אפילו דיא קריסטען, וואס פלעגען קומען מתפלל זיין אויף דעם קבר פון זייער „גואל", פלעגען אויך מוזען אויסשטעהען גרויס אכזריות און שאנד, זעהר אפט נאר דערגרייכען זייער ציעל דורך גרויסע סומען געלד. דיא

סירישע קריסטען און אויך דיא וואָס פלעגען געהען קיין ירושלים האָבען זיך שטארק אָנגעליטען און איינער פון זיי, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע איינע געזעהען דאָס אכזריות פון דיא טערקען, פעטער פון אמיען, האָט דעריבער געמאכט א גרויס געשריי אין איירָאָפּא, עס איז געוואָרען אן אסיפה פון גייסטליכע אין קלירמונט, פראנקרייך, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצען זאָל זיך אוועקלאָזען נאָך פאַלעסטינא זיך אָננעהמען פאר דעם כבוד פון דער אמונה.

מעהר האָט מען ניט געדארפט. עס פעהלען קיין מאָל ניט אין דער וועלט קיין פאנאַטיקער און קיין רשעים און עס האָבען זיך טאקע באלד גענומען קלייבען גאַנצע מחנות קריסטען, אנדערע לשם שמים און אנדערע סתם אזוי פון הפקר וועגען, און דיא הפקר יונגען זיינען געווען דיא מעהרצאָהל, דען זיי האָבען געוואוסט אז סאַי וויא סאַי וועלען זיי דערצו ניט דערלעגען.

מיט רויטע קרייצען אויף דיא קליידער, און פיעל אויך מיט אויסגעברענטע קרייצען אויפ'ן לייב, האָבען זיי אָנגעהויבען געהן קיין ארץ ישראל. געוועהנליך האָט מען זיך פאר איין וועגס פאַנאנדער געלאָזען דיא פרומע הענד צו רויבען און מאָרדען אונשולדיגע אידען.

דיא לאַגע פון דיא אידען אין דייטשלאַנד איז דאן געווען ניט שלעכט. א בעוויז דערצו קען דיענען, אז ווען דער עפּיסקאָפּ רידיגער האָט געוואָלט מאכען „שפּייער", פאר א שטאָדט, האָט ער אן עצה געגעבען דיא אידען, זיי זאָלען זיך דאָרט בעזעצען. דער קייזער היינריך דער פיערטער האָט זיי געגעבען אַלע רעכטע און פּריוויהייטען. אָבער גראד אין דער זעלבער צייט איז ארויס א קלאַנג, אז ביז דעם יאָהר 1104 מוז משיח קומען, נאָר אין מיטען פון זייערע פאַלשע האָפנונגען האָבען זיך אָנגערוקט אויף זיי דיא בלוטיגע קרייצפאָהרער און האָבען גענומען וויזען וואָס זיי קענען.

דיא ערשטע כתה, וואָס פעטער פון אמיען אליין מיט זיינע אכט הויפּטלייט און דער גייסטליכער גאָטשאלק האָבען געפיהרט, יאָט זיך ניט בעגנוגענט מיט רויבען און פלינדערען אידישעס פער־

מענען, נאָר אפילו גוים האָבען זיי אויך ניט געשוינט. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און עס האָבען זיך פעראייניגט גרויסע מחנות שלעכטע מענשען, פון אַלע זייטען האָבען זיי זיך פאַנאַנדערגע־לאָזט און גענומען רויבען און מאָרדען אידען. עס האָט זיך פלוצ־לונג דערהערט, אז אויף קריסטוס קבר האָט מען געפונען א פאַ־פיער, דאָס דיא הייליגע העלדען מוזען זעהען אָבצו׳שמד׳ן אידען. דיא הויפט רציחות האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין פראַנקרייך, באַלד אָבער האָבען זיי זיך צושפרייט איבער אייראָפּא. אידען האָבען גוזר תענית געווען אין דיא שולען, אָבער מען האָט זיי פון דיא שו־לען ארויסגעריסען און געבראַכט מיט געוואַלד אין דיא קירכען און געטויפט. דיא וואָס האָבען ניט געוואָלט, זיינען אויף דער שטעל גע׳הרג׳עט געוואָרען. אידישע טעכטער, וואָס האָבען ניט געוואָלט אריינפאַלען אין דיא הענד פון דיא הייליגע שענדער האָבען זיך אַליין דאָס לעבען גענומען. איינע פון דיא אידישע טעכטער, וואָס האָט אזוי מקדש ה׳ געווען איז מרת אסתר בת ר׳ יחזקיה הגבאי און איהר נאָמען איז געבליעבען אויף אייביג.

דיא אידען פון שפּאַיער וואָלטען פערניכטעט געוואָרען אין גאַנצען, ווען ניט דער גוט־הערציגער עפּיסקאָפּ יואַנזין, וועלכער האָט זיי בעהאַלטען ביי זיך. ווען דיא שונאים זיינען זיי בעפאַלען, האָט דער עפּיסקאָפּ בעגייסטערט דיא אידען זיי זאָלען זיך ניט אונ־טערגעבען. ער האָט זיי געהייסען ארויסגעהן מיט כח און זיך שטעלען געגען זייערע רוצחים. „זייט אידען" —האָט ער געזאָגט —„אַן אויג פאַר אַן אויג"... און אויף אזא ארט זיינען [illegible] טאַקע ניצול געוואָרען פון דיא רוצחים.

דיא אידען פון וואָרמס האָבען זיך כמעט אַלע אַליין אויס־געשלאָכטעט. אויף קדוש השם זיינען זיי געגאַנגען און האָבען זיך ניט געטויפט. דיא איבעריגע האָט מען געקוילעט אין דיא גאַסען. אַכט הונדערט אידען זיינען דאָן אומגעקומען אין וואָרמס, און צווישען דיא קדושים האָבען זיך אויך געפונען דיא קינדער פון רבינו יצחק הלוי, וועלכער איז געווען דער רבי פון רש"י, און א סך פון זיינע תלמידים. באַלד האָט זיך דיא בלוטיגע מהומה איבער־

נעטראָגען נאָך קעלן און באלד נאָך בעהמען, וואו אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען וויא וואסער. נאָך ערגער איז געוועזן דיא אידען פון ירושלים. ווען גאָטטפריעד פון בוליאָן האָט איינגענומען דיא היילינע שטאָדט, האָט ער אם 15טען יולי 1099 צונויפגעזאמעלט אלע אידען, און מיט זיי אויך דיא קאראאימעס, אין איין שוהל, און האָט זיא אונטערגעצונדען פון אלע זייטען.

דיא אידען פון שפאניען האָבען זיך אָבער ניט געהאט וואס צו בעקלאָגען. דיא נייע הערשער פון'ם לאנד, די אל־מוראבידען, האָבען זיי בעטראכט אלס דיא בעסטע און ניטצליכסטע בירגער פון לאנד. דער צווייטער אל־מוראבידישער כליף עלי האָט געגעבען די אידען שטעלען: זיין לייב־דאָקטאָר איז געוועזן א איד איינער פון די בעריהמטע דיכטער אבו־איוב שלמה אלמולאם פון שיבילה. אויסער איהם האָט ער געהאט א אידישען יועץ, אויך א דאָקטאָר אבול־חסאן אברהם בן מאיר אָבן־קמניאל פון סאראגוזה. אין דער צייט האָט אויך געדיענט ביי איינעם פון שפאניען'ס קריסטליכע קעניגע, א גרויסער מאן מיט'ן נאָמען שלמה אבן־פרוצל, וואָס איז געהרג'עט געוואָרען אין א מלחמה און וואָס זיין טויט האָט ר' יהודה הלוי בעוויינט אין א פייערדיגע קינה. פון אנדערע בעריהמטע אידען, וואָס האָבען דאן געלעבט, מוז מען דערמאָהנען ר' אברהם בר' חייא אלברג'לוני, וואָס איז געוועזן מיניסטער ביי איינעם פון דיא מחמדאַנישע הערשער, און איז ביי איהם געוועזן דער גרעסטער חשוב צוליעב זיין חכמה, און ר' יוסף אבן־מיגאש, איינער פון אלפסי'ס תלמידים, וואָס האָט זיך גערעכענט פאר'ן גרעסטען רב און איז זיין גאנץ לעבען געוועזן פאָרשטעהער פון דער אידישער קהלה אין לוצענא (אליטאנה). ר' יוסף אבן־מיגאש האָט איבערגעלאָזט א פרומען זוהן ר' מאיר און זעהר פיעל תלמידים, צווישען וועלכע עס האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיימון, דעם רמב"ם'ס פאָטער.

5 — יהודה הלוי׳ם פּאָעזיע.

זיינע ערשטע ליעדער פון פריינדשאפט ליעבע — זיין ערשטע בעקאנטשאפט מיט משה אבן עזרה — זיינע שארפזיניגע עפּיגראמען — יהודה הלוי אלס דאָקטאָר און זיין עהרליכע מיינונג איבער דאָקטאָריע — יהודה איז א געגנער פון א פּאָעטישען שלחן־ערוך — דיא העכערקייט פון יהודה הלוי׳ס שירים איבער דיא פּאָעזיע פון בן־גבירול און אבן עזרה.

יהודה הלוי׳ס ביאָגראַפיע איז ניט צו רייך אין זאָנדערבאָרע פּאַסירונגען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַלט קאסטיליען, קריסטליכע שפּאַניען, אין יאָהר 1086 און האָט געלעהרענט אין אלפסי׳ס ישיבה אין לוצענא, ווייל אין קאסטילען און מערב־שפּאַ־ניען זיינען נאָך דאַן ניט געוועזען קיין גרויסע תלמודיסטען. וויא זיין בעריהמטען פאָרגענגער אבן־גבירול, אזוי האָט אויך איהם, דיא מוזע אויפגעוועקט אין זיין פריהסטע יוגענד און האָט איהם דער־לאַנגט איהר גאָלדענע הארפע. און פערשטאַנען האָט ער דיא מתנה צו היטען, דען ער האָט פון איהר אַרויסגעצויבערט נאָר ריינע, היי־ליגע טענער. זיינע ערשטע געזאַנגען זיינען געוועזען גליק און פריינד־שאַפט. ער האָט געפייערט אין פריילעכע קלאַנגען דיא גליקליכע מאָמענטען פון זיינע פריינד און חברים. ער האָט בעזונגען דיא חתונה פון אבן־מיגש, און דאָס ערשטע געבאָרענע קינד אין הויז פון ברוך אבן־אלבאליא (אומגעקומען אין יאָהר 1100). פון זיינע ערשטע ליעדער איז צו זעהען, אז ער האָט געהאַט א גוטע יוגענד, דען פון זיין געטליכע הארפע האָט זיך קיין אונצופריעדענער טאָן ניט געהערט. זיין הארץ איז געוועזען וויא א זילבערנער גלעקעל, וואָס גיט אַרויס העלע קלאַנגען פול ליכט און שמייכעל.

אין דרום־שפּאַניען האָט ער זיך בעקענט מיט דער נאָבע־לער, געבילדעטער משפחה אבן־עזרה. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז משה אבן עזרה איז געשטראָפט געוואָרען מיט אונגעלונגענע

ליעבע און איז אוועק וואָגלען אין דער פרעמד, האָט דער יונגער דיכטער אויסגעזוכט דעם אונגליקליכען, וואָגלענדען פּאָעט און האָט איהם געטרייסט מיט זיסע, הארציגע געזאַנגען. משה אבן עזרה איז איבעררראשט געוואָרען פון דיא שעהנע, פּרעכטיגע פערזען און דעם טיעפען געפיהל, וועלכער איז אין זיי געלעגען, און האָט זיין אינ־גערען דיכטער־קלאַגע געענטפערט אין פּאָעזיע.

יהודה הלוי, איז וויא עס שיינט, געוועזען אין לוצענא ווען אלפסי איז געשטאָרבען און יוסף אבן־מיגש האָט פערנומען זיין אָרט פון ראש ישיבה. (1103). יהודה האָט דאַן פערפאַסט א קינה אויף אלפסי'ס טויט און האָט געפייערט דעם נייעם שטעל־פערטרע־טער אין א פּרעכטיגען געזאַנג אין וועלכען ער דריקט אויס צום נייעם ראש ישיבה דיא גרעסטע אנערקענונג און טיעפסטען רעס־פּעקט. יהודה הלוי האָט אויך געגאָסען דיא פריידען און ליידען פון ליעבע. ער האָט בעזונגען זיין געליעבטע אין ווערטער, וואָס האָבען געפּאַסט פּאַר היינע. און שעהן איז יהודה'ס געליעבטע געוועזען. זיא האָט געהאַט „אויגען וויא א יונג הירשעלע, קארמען־ראָזע לי־פּעלעך און לאָקען שווארצע וויא א קראהע". אנ'אנדער מאָל איז דיא געליעבטע וויא א טויב ביי א זילבערנעם טייכעלע. איהרע בריסט האָבען מעהר בע'כשוף'ט וויא דיא חרטומים פון מצרים. איהרע באַקען זיינען בליהענדע רויזען און זיינע אייגענע בליקען געהען ארום צווישען דיא רויזען און רייסען זיי. איהרע שווארצע האָאר פון קאָפּ שטעלט פאָר א פינסטערען גערדיכטען וואלד אין אבענד, פון וועלכען עס כאַפּען זיך ארויס פערצוקענדע ווע[לף] און לאָזען קיינעם ניט פארבייגעהען. קיין מענש איז זיכער פאַר דיא סכנה פון ־יעזען וואלד... ווען דיא געליעבטע ווערט רויט און בלייך איז זיא גלייך צו א טהייערען געשליפענעם עדעל־שטיין וואָס ווארפט פון זיך פערשיעדענע קאָלירען אָט איז עס א רויט פייער, און אָט — א ווייסער פלאַם, און אין גאַנצען איז זיא שעהן וויא ירושלים.... ער האָט זיך בעקלאָגט אויף איהר אונטרייהייט און אויף דיא טיעפע שווערע וואונדען, וואָס צורייסען זיין יונג הארץ. זיינע ליעבע ליע־דער אטהעמען מיט דעם אונפערלעשבארען, שטארקען פייער פון

יוגענד און דריקען אוים פלאַמיגע אויפרעגונג. דיא מערב הימלען זיינען געשילדערט אין זיינע פּאָעזיען, דיא גרינע פעלדער, דיא בלומען און דיא רוישענדע בלויע שטראָמען. אפילו דיא פּאָעזיע פון זיין פריהסטע יוגענד טראָגט שוין אויף זיך דעם שטעמפּעל פון א פּאָלשטענדיגען קינסטלער, פון א רייכער פאַנטאַזיע, א זעלטענעם געשמאַק פון ליעבליכקייט און ווארעמקייט. אפילו גאָר דיא ערשטע פערזען זיינע זיינען אויך ניט סתם גראַמען, אָדער א צוזאַמענמי־שונג פון שעהנע ווערטער אָהן א געדאַנק — זאָנדערן זיי זיינען דיא ארבייט פון א מייסטער־האנד, פולל מיט זינן און געפיהל. יהודה הלוי האָט אָבער, וויא עס שיינט, מנצח געווען דיא ליעבע מיט אלע איהרע גליקען און אונגליקען. דען אין זיינע שפּעטערע ליעדער געפינט מען מעהר קיין שפור דערפון.

יהודה הלוי האָט ניט נאָר פּאָלשטענדיג געמייסטערט דיא העברעאישע שפּראַכע און דיא ארטיסטישע פאָרמען פון דיא נייערע לשון קודש פון יענער צייט, זאָנדערן ער איז אויך געווען א פּאָלשטענדיגער תלמודיסט, האָט שטודירט נאַטור־וויסענשאַפט, און איז געווען בעקאַנט מיט אלע צווייגען פון לעהרנונג. ער האָט געשריעבען אראַביש וויא א קינסטלער און איז געווען גוט בעקאַנט מיט דער ניי־געבאָרענער פּאָעזיע פון קאַסטילען.

יהודה הלוי איז ניט געווען אָנגעוויזען אויף דער פּאָעזיע זיא זאָל איהם געבען פרנסה. ער האָט פון זיין הייליגער גאַבע ניט געצויגען קיין חיונה. זיין מוזע איז דערפאַר געבליעבען ריין, אונבעפלעקט און געטליך. דער דיכטער האָט געמאַכט זיין לעבען פון דאָקטאָריע. ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין געבורטס־אָרט און האָט דאָרט געפּראַקטיצירט מעדיצין. אָבער ער איז ניט נאָר געווען א גרויסער דיכטער, נאָר אויך א בעריהמטער ארצט, דען ער האָט איינמאָל געשריעבען צו זיינעם א פריינד, אז וואָהנענדיג אין א גרויסע שטאָדט, איז ער שטענדיג בעשעפטיגט מיט פּראַקטיצירען זיין מעדיצינישע קונסט. אָבער וויא ער איז געווען שטאַרק פערנומען צו היילען פרעמדע ליידען, און אויפצוהאַלטען דיא נשמות פון אַנדערע, האָט ער פון דעסטוועגען זיין אייגענע נשמה אויך ניט פער־

לאזען און האט זיך אבגעגעבען מיט זיין מוזע, זיין אייביגע לעבענס־בעגלייטערין.

אינטערעסאנט איז א בריעף, וואס ער האט געשריעבען אין דיא מיטעלע יאהרען (אומגעפעהר 1130) צו זיינעם א פריינד:

"איך בעשעפטיג זיך אין דיא שטונדען, וואס זיינען נישט טאג און נישט נאכט, מיט דיא נישטיגקייט פון מעדיצינישער וויסענשאפט, אבוואהל איך בין ניט אימשטאנד צו היילען. דיא שטאדט אין וועלכע איך וואהן איז גרויס. דיא בעפעלקערונג בעשטעהט פון ריעזען, אבער זיי זיינען שלעכטע הערשער. מיט וואס קען איך זיי בעסער איבערבעטען און זוכען צו געווינען וויא מיט פערברייגגען מיינע שטונדען צו היילען זייערע קראנקהייטען. איך היילבבל, אבער עס העלפט ניט.... איך בעט ביי גאט ער זאל מיר אין גיכען שיקען אן ערלייזונג איך זאל זיך קענען אויסרוהען און האבען מנוחה, איך זאל קענען ערגעץ קומען אין אן ארט פון אמת'ע חכמה, צו דעם פרישען ברונים פון לעבעדיגע וויסענשאפט."

דיא שטאדט, וועגען וועלכע יהודה הלוי רעדט דא איז טאלידה, וואו ער האט פערבראכט זיינע מיטעלע יאהרען. ער האט אבער געוואלט אוועקגעהן פון דארט, ווייל טאלידה איז נאך דאן ניט געווען קיין מיטעלפונקט פון אידישע לעהרנונג.

תורה און חכמה זיינען געווען זיין הערצליכסטער פערלאנג, זיין בעגעהר, און הויפטציעל פון זיין לעבען איז געווען דיא פאעזיע — דער העכסטער גליק פון אלע גליקען פאר דעם געבארענעם דיכטער. פאעזיע און אידישע וויסענשאפט האבען פערנומען דעם אויבען־אן פון זיין הארץ און זיין מח. זיין נשמה איז געווען אנגעגאסען מיט געזאנג און שכל וויא א וויינטרויב מיט זונענשיין און עס האט זיך געוואלט אויסגיסען אין שטארקען קרעפטיגען וויין פון פילאזאפיע און ליעדער. ער האט געהאט א העכערען בעגריעף פון פאעזיע וויא אלע אידישע און אראבישע דיכטער פון זיין צייט. ער האט אויסדריקליך ערקלעהרט, אז פאעזיע מוז זיין געבארען און ניט געבארגט, ניט אויסגעלעהרענט, ניט נאכגעמאכט, נאר טיעף און קלאר עמפפונדען אין אייגענעם הארצען, פון דיא אייגענע

כחות הנפש, אָהן אַ שאָטען פון פרעמדען איינפלוס. ער האָט געלאכט און געשפעט פון דיא, וואָס האָבען געמאכט אַ „שולחן ערוך“ פאַר פּאָעטען וועגען מעטריק און קלאַנג, וועגען תנועות און יסודות, וועגען פערשיעדענע אַרטען און גאַטונגען פון פּאָעזיע, נאָך וועלכע דיכטער זאָלען זיך ריכטען. דער אמת'ער בעגאַבטער פּאָעט, האָט ער געזאָגט, טראָגט דיא געזעצען אין זיך, ער וועט קיינמאָל ניט זינדיגען געגען דיא פּאָעטישע קונסט, און ניט ארויסגעבען אַ זאַך, וואָס איז ניט ריכטיג און ניט פאָלשטענדיג אין אַלע פרטים. כל־זמן ער איז יונג געווען האָט ער אויסגעניטצט דיא גאָלד פון זיין רייכע פּאָעזיע אויף לייכטע טהעמאַס. נאָכפאָלגענדיג דעם ביישפיעל פון אַנדערע, האָט ער געזונגען בלישצענדע ליריקס אין וועלכע ער האָט געלויבט און בעזונגען זיינע פריינד. ער האָט געזונגען פון וויין און פערגניגען און האָט פערפאַסט חידות. ווען זיינע פריינד האָבען איהם פאָרגעוואָרפען אין אויפפיהרונג (אומגעפעהר 1110) האָט ער זיי געענטפערט מיט יוגענדליכען וויץ:

זאָל איינער אין מיטען פון יוגענד'ס זיסען שיין,
ווערען לעבענס שונא און ניט טרינקען מעהר קיין וויין?

מיט אַזעלכע פּאָעטישע קלייניגקייטען, האָט ער געהאַט הנאה זיך ארויסצודרעהען פון מאַנכע פערפלאָנטערטע שוועריגקייטען, און פטור'ן אַ סך אונאַנגענעהמע עסקים. זעהר אָפט פלעגט ער ענדיגען אַ העברעאישע פּאָעזיע מיט אַן אַראַבישען, אָדער אַ קאַסטילישען פערז. אין דיעזע פּאָעטישע קונצען האָט מען געקענט זעהן דיא געאיבטע האַנד פון אַ זעלטענעם קינסטלער וואָס האָט געהאַט בכח פאָרצושטעלען אַ פאָלשטענדיגעם בילד מיט עטליכע געוואַגטע שטריכען פון זיין פעדער. זיינע נאַטור־שילדערונגען קענען שטעהן זייט ביי זייט מיט דיא בעסטע פּאָעטישע שאַפונגען פון אַלע שפּראַכען. מיר זעהען וויא דיא בלומען ברעכען זיך דורך און בליהען, מיר אָטהעמען אַריין דיא זיסע ריחות, דיא בעלעבענדע געשמאַקען פון זיינע געווירציגע פערזען, וואָס שטעלען פאַר מיט זיך אַ'ן אייביגען מאַי. דיא צווייגען בויגען זיך אונטער זייער גאָלדענע פרוכט, מיר הערען דיא געפליגעלטע משוררים פון

דער לופט, וויא זיי גיסען אראב פון אויבען זייערע פארפומירטע טענער פון העבערער ליעבע און איבער דר'ערדדיגען נחת. ער פארבט זונענשיין און לופט מיט א מייסטערהאפטע האנד. ווען ער בעשרייבט דיא אונרוהיגקייט און אויפרעגונג פון א אויפברויזענדען ים פון שטורעם געשמיסען, גיט ער איבער דעם לעזער אלע אינערליכע בעוועגונגען פון ערהאבענהייט און אונגעדולד, וואס ער האט אליין געפיהלט.

אבער אין דיעזע אלע ארבייטען ענטפלעקען זיך נאך ניט פאר אונז דיא אמת גרויסע כחות פון זיין הויכער זעעלע. דאס אלץ איז נאר, ביז אין א געוויסען גראד, דער חוב, וואס ער האט געצאהלט צו זיין מענשליכער העלפט, און צו דער מאדע פון זיין צייט. אפילו ניט אין זיינע רעליגיעזע ליעדער, וועלכע זיינען ניט ווייניגער פון זיין דיכטער קאלעגע משה אבן־עזרה'ס, וואס צעהלען זיך ביז דריי הונדערט און וועלכע איבערשטייגען זיי אין גלאנץ, טיעפקייט און קראפט — יא, אפילו ניט אין דיעזע ליעדער זיינע ווייזט זיך ארויס דיא אמת'ע גרויסקייט פון יהודה הלוי'ס זשעני.

דיא וויכטיגקייט פון יהודה הלוי אלס דיכטער ליעגט אין דיא פאעזיען, וואס אטהעמען א נאציאנאל־רעליגיעזען גייסט. אין דיעזע ליעדער ברעכען זיך דורך זיינע געזאנגען פון דער טיעפקייט פון זיין הארץ, זיין גאנצער וועזען רייסט זיך ארויף אין דער הויך מיט א געוואלד, און ווען ער זינגט פון ציון און איהר פערגאנגענעם און צוקינפטיגען פראכט; ווען ער בויגט זיין קאפ אין טרויער וויא אן אבל איבער דיא יעצטיגע שקלאווערייי, דאן ערשט דערזעהן מיר דעם ריכטיגען גייסט פון זיין פאעזיע. קיין געקינסטעלטקייט, קיין עהנליכקייט צו ערגעץ אן אנדער געזאנג אין דער וועלט, אלץ איז זיינע, אלץ איז שטארק, קרעפטיג, אייביג, אלץ איז יהודה הלוי'ס. ווען מיר בעטראכטען אלע ציון ליעדער וואס זיינען געשאפען געווארען ביז היינטיגען טאג, קען מען נאר יהודה הלוי'ס ציון'ס ליעדער פערגלייכען מיט דיא פסאלמען. ווען ער יאמערט זיך פאנאנדער אויף ציון'ס אלמנה'שאפט, אדער ער חלום'ט פון איהר קומענדען גלאנץ און שטעלט פאר וויא זיא וועט ווידער זיין

פעראייניגט מיט איהר גאָט און איהרע קינדער, דאכט זיך אונז, אז מיר הערען דאָס זינגענדיג איינעם פון דיא בני קרח. דיא מוזע פון יהודה הלוי, אין איהר צייטיגקייט, האָט געהאט א ערהאבענע אויפגאבע: צו זינגען פון ישראל, פון זיין גאָט און זיין היילינ־קייט, פון זיין פערגאנגענהייט און זיין צוקונפט און צו בעקלאָגען דעם גלות, דיא ערניעדעריגונג און פערפאָלגונג צווישען דיא אומות. ער איז געווען א נאציאָנאל פּאָעט, דערפאר נעהמען זיינע ליעדער אזוי שטארק אָן דאָס אידישע הארץ. אבן־גבירול׳ס בעקלאָגען זיך בלויז אויף זיין איינענער טרויעריגער לאגע, און משה אבן־עזרה׳ס קינות אויף זיין פערלאָרענע ליעבע, לאָזען אונז אונגעריהרט; אָבער יהודה הלוי׳ס איבערגעבענע ליעבע צו ציון קען ניט פערפעה־לען צו ריהרען יעדער פיהלענדע זעעלע.

דיא נאָבעלע פּאָעזיע פון יהודה הלוי איז פון א העכערען ווערטה, ווייל זיא האָט איהר מקור ניט נאָר אין פּאָעטישער עמ־פּפינדונג, נאָר אין ערנסטע ליידענשאפטליכע איבערצייגונגען. ער איז געווען ניט נאָר דער בריליאנטענער דיכטער נאָר אויך דער בריליאנטענער דענקער; פּאָעזיע און פילאָזאָפיע זיינען אין איהם גע־ווען פאָלשטענדיג צונויפגעוועבט. פּאָעזיע און פילאָזאָפיע זיינען גע־ווען אין איהם פעראייניגט און האָבען געלעבט בשלום דינענדיג איי־נע דיא אנדערע מיט דיא גרעסטע פריינדשאפט. דיא, וואָס ווילען פערלייקענען אין דעם אמת׳ן פּאָעט דעם פילאָזאָף געפינען זייער שטארקסטען פּראָטעסט אין יהודה הלוי. אוןביידע: אי דאָס גע־זאנג אי דיא חקירה זיינען געווען זיין אייגענע, געבאָרען אין איהם און ניט געבאָרגט פון אנדערע. אזוי וויא ער האָט געגעבען דעם אויסדרוק דיא אידישע נאציאָנאלע געפיהלען, אזוי האָט ער ער־קלעהרט, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, דיא נאציאָנאלע גע־דאנקען פון אידישקייט אויף א גאון׳ישען אופן. ער האָט נאָר בענוצט דיא פּאָעזיע און פילאָזאָפיע צו פערהערליכען און פער־היילינען ישראל׳ס ירושה. ער האָט פּאָרגעשטעלט אָריגינעלע אי־דעען וועגען דאָס שייכות צווישען גאָט אין דיא וועלט, דעם מענש און זיין בעשעפער און וועגען דעם ווערטה פון געטליך־פילאָזאָפישע

שפעקולאציעס בנוגע צו אידישקייט, און וועגען דיא וויכטיגקייט פון דער אידישער רעליגיאן געגען דיא רעליגיאנען פון קריסטענטהום און איסלאם. (מחמדאנערטהום).

דיעזע אלע אויפגאבען האט ער פערענטפערט אויף אזוי ווייט נאטירליך, וויא עס איז מעגליך אזעלכע זאכען צו פערענטפערען, ניט אין א וועג פון טרוקענע חקירה, נאר אין א לעבעדיגער, אינ־טערעסאנטער, איבערצייגענדער ארט. אויב מיר זאלען איהם, אין זיינע לירישע ליעדער, פערגלייכען מיט איינעם פון דיא בני קרח, איז ער, אין דיא ענטוויקלונג פון זיינע געדאנקען, עהנליך צו דעם פערפאסער פון איוב, מיט דעם אונטערשיעד, וואס ער איז רייכער אין מאטעריאל, פיעל טיעפער און מעהר פערשטענדליך. פון איוב און פון דעם גריכישען פילאזאף פלאטאן, האט יהודה הלוי גע־בארגט דיא פארמע אין וועלכע זיין רעליגיעזע, פילאזאפישע סי־סטעם איז פארגעשטעלט. ער דריקט אוים זיינע געדאנקען אין א פארם פון א דיאלאג, א צוויי־געשפרעך און וויא דער מחבר פון איוב, פעראייניגט ער זיי מיט א היסטארישען פאקט, דורך וועל־כען דאס טהעמא ווערט מעהר אינטערעסאנט און לאזט איבער א'ן אייביגען איינדרוק.

ווען איינער פון זיינע תלמידים האט איהם געפרעגט וויא אזוי ער וואלט געקענט פערטהיידיגען דאס רב'נישע יודענטהום און ענטפערן געגען דיא טענות פון קריסטענטהום, מחמדאנערטהום (איסלאם) און דיא קאראאימעס (קראים) האט ער פערפאסט איין ענטפער אין א בעגרייפליך אבער זעהר כאראקטעריש טיעף בע־לעהרענד ווערק אין דער פארמע פון א צוויי געשפרעך, געשריעבען אין אראביש. דיא אויפגאבע פון דאזיגען ווערק איז געוועזען צו בעווייזען דעם אמת פון יודענטהום און גערעכטפערטיגען דיא פערהאסטע רעליגיאן.

6 — יהודה הלוי דער פילאָזאָף.

דיא אָרגינאליטעט פון יהודה'ס פילאָזאָפישע סיסטעם מיט וואָס זיין ספר „כוזרי“ איז העכער וויא איוב — דער דיכטער־פילאָזאָף ערקלערט יודענטהום אלס א טייל פון גאָט און דיא אידעשע רעליגיאָן אלס דיא איינציגע גערעכטע פון אלע — דער איד איז דאָס הארץ פון דער וועלט.

דער אינהאלט פון יהודה הלוי'ס פילאָזאָפיש ווערק איז פאָלגענדער: א געצענדיענער, פרעמד פון יעדער ארט בילדונג, אָדער וויסענשאַפט, וועלכער האָט קיין בעגריף ניט געהאָט פון דיא דריי עקזיסטירענדע רעליגיאָנען, אָבער וועלכער האָט געפיהלט דיא נויטהיגקייט צו פעראייניגען זיך אין א גייסטיגען איבערגעבענעם בונד מיט'ן בעשעפער, ווערט איבערצייגט אין דיא וואהרהייט פון אידישקייט. דיעזער היידע איז בולאן דער קעניג פון דיא חאזאַרען, (כוזרים), וועלכער האָט אליין אָנגענומען דיא אידישע אמונה. פון איהם מאכט דאָס דער קאסטיליאנישער פילאָזאָף דעם געברויך צו געבען א היסטאָרישען כאראקטער צו זיין ווערק און דערפאר טראָגט דאָס ווערק דעם נאָמען „כוזרי“. דיא אויסגעצייכענטע הקדמה, געשריעבען אין א אייגענטימליכען סטיל, צורייצט באלד דיא אינטערעסע פון לעזער.

א מלאך איז נאָכאנאנד געקומען אין א חלום צו דעם קע־ניג פון דיא חאזארען, וועלכער איז געוועזן א געטרייער אנהענגער פון זיין געצענדיענסט, אָבער צו־גלייכער צייט א מאן מיט א פרו־מען געדאנקען, — און האָט צו איהם גערעדט דיעזע וויכטיגע ווער־טער: „דיין כונה איז א גוטע אָבער ניט דער שטייגער אין וועל־כען דוא דיענסט גאָט“. אום צו בעשטימען מיט א זיכערהייט, אין וועלכער ארט צו דיענען גאָט, האָט זיך דער קעניג געווענדעט צו א פילאָזאָף. דער געלעהרטער, וועלכער איז געוועזן א האלבער

אנהענגער פון אריסטאטעל און א האלבער נאכפאלגער פון פלא־טא'ס סיסטהעם, האט מיט זיינע חקירות געבראכט דעם קעניג מעהר צום ניט־גלויבען וויא צום גלויבען. ער האט איהם געזאגט, אז גאט איז צו ערהאבען צו האבען א מגע ומשא מיט מענשען אדער צו פערלאנגען, אז מען זאל איהם פערהייליגען מיט שירים ותשבחות.

דער קעניג פון דיא חאזארען האט ניט געפונען קיין שום טרייסט אין דיעזער ערקלעהרונג. ער האט געפיהלט דאס אזעלכע מעשים, וואס זאלען געברויכט ווערען מיט דער כונה צו דיענען גאט, מוזען טראגען זייער אבזאלוטען ווערטה אין זיך אליין, און דאס אהן אזעלכע מעשים, קענען פרומע און מאראלישע געדאנקען קיין שום ווערטה ניט האבען. אויב דיא פארם, אין וועלכער מען זאל דיענען גאט האט קיין בעזאנדערע בעדייטונג, איז דאס אונ־מעגליך צו פערשטעהן פארוואס קריסטענטהום און איסלאם, וועלכע האבען צוטהיילט דיא וועלט צווישען זיך, זאלען פיהרען אייביגע מלחמות און האלטען פאר א מצוה איינער דעם צווייטען צו שלאכ־טען כדי דורך דעם צו קומען אין גן עדן. נאך מעהר, ביידע רע־ליגיאנען בעריהמען זיך נאך מיט זייערע נסים און פראפעטען און מיט דיא וואונדער, וואס גאט האט מיט זיי געטהאן. דער קעניג האט דערפאר בעשלאסען זיך צו ווענדען צו א פארשטעהער פון דער קריסטליכער קירכע און צו א גייסטליכען פון דיא מחמדאנער צו הערען און לעהרנען פון זיי דעם אמת, וועלכע רעליגיאן עס איז דיא ריכטיגע. עס איז איהם גאר ניט איינגעפאלען אין געדאנקען זיך צו ווענדען צו א פארשטעהער פון אידען, ווייל זיי זיינען אזוי פערהאסט און ערנידעריגט אומעטום, און דיא גאנצע וועלט האט געגען זיי טענות און וויל זיי פערניכטען. דיא ערנידערונג פון זייער רעליגיאן איז געווען גענוג גרונד צו פערשעהמען איהרע פאר־שטעהער.

א גלח איז געקומען צום קעניג און ערקלעהרט דיא יסודות פון דער קריסטליכער אמונה. קריסטענטהום, האט ער געזאגט, גלויבט אין דיא אייביגקייט פון גאט און אז דיא וועלט איז בעשא־

פען געוואָרען פון א תוהו ובוהו און אז אלע מענשען שטאמען פון אדם הראשון. קריסטענטהום, האט ער ערקלערט, אנערקענט פאר אמת אלץ וואס דיא תורה און דיא אידישע היילינע שריפטען לעהר־נען, אָבער עס האלט אלס גרונד פּרינציפּ דיא פערקערפּערונג פון גאָט דורך א יונג פרוי פון דער אידיש קייזערליכער פאמיליע. עס האלט דעם טאטען, דעם זוהן און דעם היילינען גייסט — אלע דריי פעראייניגט אין איינעם. דיעזע דריי איינינקייט איז פער־היילינט ביי דיא קריסטען אלס איין זאך, אבוואָהל דאס איז א דרייפאכע פערזענליכקייט. קריסטען דארפען בעטראכט ווערען אלס דיא אמת'ע אידען און דיא צוועלף אפאסטאלען פערנעהמען דעם אָרט פון דיא צוועלף שבטים.

דער קעניג איז פון דיעזער ערקלעהרונג געבליעבען אונצו־פריעדען. דיא אידעע פון קריסטענטהום האט פונקט אזוי ווענינ בעפריעדיגט זיינע געדאנקען וויא דיא אידעע פון פילאזאף. ער האט בעטראכט דיא ערקלערונג אלס זאכען, וואס שטימען ניט מיט'ן שכל הישר. דער קריסט, האט ער געדענקט, האט געדאַרפט געבען פּאזיטיווע, אונבעשטרייטבארע בעווייזונגען, וואס זאלען צו־פריעדען שטעלען דעם מענשענ'ס גלייכען פערשטאנד. ער האט דערפאר געפיהלט אז ער מוז ווייטער זוכען דעם אמת וועגען דער ריכטיגער רעליגיאָן.

ער האט זיך דארום באלד געווענדעט צו א מחמדאנער טהעאָלאָג וועגען דיא עיקרים פון דער אמונה פון איסלאם. דיא מחמדאנער גלויבען, — האט דער מוסלעמאנער געזאגט — אין אחדות הבורא און אין דיא אייביגקייט פון גאָט, אָבער זיי גלויבען ניט אין א מענשליכען גאָט, אין א גאָט, וואס האט אין זיך מענש־ליכע אייגענשאפטען, אָדער וויא ער איז דורך מענשען אָדער א מענשליכע סיבה געקומען אויף דער וועלט. מחמד איז געווען דער לעצטער און וויכטיגסטער פון אלע נביאים, וועלכער האט געגעבען דיא מענשען א גוטע אמונה, וואס זאגט צו דיא פרומע נאכ'ן טויט א גן עדן מיט אלע תענוגים: מיט עסען און טרינקען, און געניג שעהנע פרויען, אָבער דיא רשעים וועלען זיך ברענען אין דיא פלא־

מען פייער פון גיהנם און אייביגע פערדאמונג. **דער הויפט [illegible]** פון איסלאם בעשטעהט אין דעם פאקט, דאס קיין מענש איז אימ־שטאנד צו מאכען אזא וואונדערבארען בוך וויא דער קאראן, און אפילו ניט איין איינציגע פון זיינע שורות.

איהם האט אויך דער קעניג געענטפערט, דאס דער בעווייז פון שייכות צווישען גאט און דיא שטערבליכע מוז זיין געגרינדעט אויף שטארקע יסודות, וואס זאלען ניט קענען אבגעלייקענט ווערען. דיא פרעטענזיע, אז דער קאראן איז דער הייליגסטער בוך אין דער וועלט, איז נאך ניט גענוג גרונד, דאס דיא מחמדאנער רעליגיאן איז ריכטיג און אז דאס, וואס אן אראבער גלויבט אין דעם איז נישט געדרונגען, אז אן אנדערער דארף אין דעם גלויבען, דען אב־וואהל דער קאראן מאכט א שטארקען רושם אויף אראבער, האט ער ניט קיין שום קראפט איבער דיא, וואס פערשטעהן ניט קיין אראביש.

אזוי וויא ביידע: דער קריסט און דער מחמדאנער האבען זיך אבער בעצויגען מיט זייערע אמונות אויפ׳ן יודענטהום כדי צו בעווייזען דעם היסטארישען פונדאמענט פון זייערע גלויבענס, האט דער קעניג, וועלכער האט געזוכט דעם אמת און נאר דעם אמת, זיך סוף כל סוף בעשלאסען צו בעשטרייטען זיין פאראורטהייל געגען יודענטהום און זיך אנצופרעגען ביי א׳ן אידישען געלעהרטען. אויף דעם קעניג׳ס פראגע וועגען דער אידישער אמונה האט איהם דער איד געגעבען דיעזען ענטפער: „דיא אידען גלויבען אין דעם גאט פון זייערע עלטערען, וועלכער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, בעוויזען וואונדער פון זייערטוועגען, געפיהרט זיי אין הייליגען לאנד און זיי געגעבען נביאים, אין קורצען — דיא אידען גלויבען אין אלץ, וואס שטעהט געשריעבען אין זייערע הייליגע שריפטען“.

„אויב אזוי“ — האט דער קעניג אויסגעשריען — „בין איך גערעכט געווען, וואס איך האב זיך ניט געווענדט צו דיא אידען. זייער ניעדריגער, טרויעריגער שטאנד האט דער׳הרג׳עט אין זיי יעדע פערשטענדליכע אידעע. דו, א, איד, האסט מיר געדארפט פריהער ערקלערען, אז דוא גלויבסט אין דעם בעשעפער און הער־

טער פון דער וועלט, אנשטאט צו געבען מיר אזא מאסע פאקטען, וואס האבען נאר א בעדייטונג פיר דיר אליין". אויף דעם האט דער אידישער געלעהרטער געענטפערט: „דער בעגריף, דאס גאט איז דער בעשעפער און הערשער פון דער וועלט פאדערט זעהר א לאנגען בעווייז און דיא פילאזאפען האבען פערשיעדענע מיינונגען וועגען דעם. דאגעגען אבער, דאס גאט האט מיט אונז אידען געטהאן נסים און געמאכט פאר אונז וואונדער, פאדערט גאר קיין בעווייז, דען דאס ווענדט זיך אן דיא אונבעשטרייטבארע עדות, וואס האבען דאס געזעהן מיט זייערע אויגען".

אנפאנגענדיג פון דיעזען פונקט, האט דער אידישער פילאזאף יהודה הלוי — געהאט א לייכטע אויפגאבע פאנאנדער־צו־וויקלען ראיות פון דעם אמת'ן און הייליגען כאראקטער פון יודענטהום. פילאזאפיע לייגט אוועק גאט און רעליגיאן אין גאנצען אן א זייט, ניט וויסענדיג וואס פאר אן ארט אין דער וועלט זיי צו בעשטימען. קריסטענטהום און איסלאם האבען אומגעקעהרט זייער רוקען צום שכל הישר, דען זיי געפינען פערנונפט אין דעם היפוך צו דיא הויפט יסודות פון זייערע רעליגיאנען. יודענטהום, פערקעהרט, פאנגט אן מיט דעם שטאנד פון געזעהענע פאקטען, וואס פערנונפט קען ניט אבשטרייטען. עס פערטראגט זיך גאנץ גוט מיט פערנונפט, נאר עס בעשטימט דעם פערנונפט א גרענעץ, און נעהמט ניט אן זיין פועל יוצא, וועלכער פערקריכט אפט אין סאפיסטיקע ווען געוויסהייט קען דערגרייכט ווערען אויף אן אנדער וועג.

אין זיין ריכטיגען קוק אויף דעם ווערט פון שפעקולאציעס אין געדאנקען, איז יהודה הלוי געשטאנען גאנץ אליין אין זיין צייט, ער איז געקומען צום ריכטיגען בעשלוס מיט א סך דורות פריהער. דיא דענקער פון זיין צייט, אידישע, מחמדאנער און קריסטליכע; דער רב, דער אולעמא און דער קירכענטאטע האבען געבויגען זייערע קניע פאר אריסטאטעל, וועמעס פילאזאפישער אורטהייל איבער גאט און זיין שייכות צו דער וועלט זיי האבען געשטעלט העכער זאגאר פון דיא הייליגע שריפט, אבער בעסער געזאגט: זיי האבען אזוי אנגעשטרענגט און אויסגעדרעהט דיא פסוקים פון זער ביבעל

ביז זיי זיינען געוואָרען אין הסכם מיט אַ פילאָזאָפישע אידעע און אַזוי זיינען זיי געוואָרען אין דערזעלביגער צייט גלויביגע און אפּיקורסים.

יהודה הלוי נאָר אַליין האָט געהאַט דעם מוטה אָנצו־ווייזען דעם גרענעץ, דיא בעשרענקטקייט, וואָס דיא נאַטור האָט געמאַכט צום מענשענ׳ס געדאַנקען און אויסצושרייען: „ביז אַהער זאָלסטו געהן און ניט ווייטער“. פילאָזאָפיע האָט קיין רעכט צו אַטאַקירען אָנגענומענע און פעסט בעשטימטע פאַקטען, זיא מוז זיי אָננעהמען פאַר וואַהרהייטען, וואָס מען קען ניט איבערשפּאַרען, זיא מוז אָנ־פאַנגען מיט זיי אַלס יסודות, און מיט איהר (פילאָזאָפישע) קראַפט צו בריינגען דיעזע פאַקטען אין אָרדנונג און זיי בעלייכטען מיט דיא הילף פון פערנונפט. אַזוי וויא אין דער קעניגרייך פון דער נאַטור טאָר דער פערשטאַנד ניט וואַגען אַבצולייקענען ווירקליכע ערשיי־נונגען ווען זיי שטעלען זיך פאַר אונז פאַר, אַט וויא מערקווירדיג און געגען שכל זיי מעגען אויסזעהן, נאָר ער מוז שטרעבען זיי צו בעגרייפען, פונקט אַזוי מוז ער (דער פערשטאַנד) האַנדלען בנוגע צו דיא פראַגע וועגען גאָט.

דיעזע אויסגעצייכענטע און אונבעשטרייטבאַרע אידעע, וועלכע אין דיא שפּעטערע יאָהרען, נאָך פיעלע וואַנדערונגען אין דיא טיעפקייטען פון פילאָזאָפיע, האָט ענדליך אויסגעפונען פאַר זיך אַ וועג, איז צום ערשטען מאָל פערקינדיגט געוואָרען פון יהודה הלוי. אין אַ פּאָעזיע, וועלכע איז פונקט אַזוי שעהן וויא איהר מאַטעריאַל איז אמת, דריקט ער אויס זיין מיינונג איבער דעם גריכישען גייסט, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף דיא תלמידים פון פילאָזאָפיע.

„לאָז זיך ניט פערפיהרען דורך דיא חכמה
פון דיא גריכען, וועלכע טראָגט נאָר בליהונג
אָבער ניט קיין פירות, וואָס איז איהר עסענץ?
אַז בעשאַפען האָט ניט גאָט דיא וועלט,
וועלכע איז אַ „קדמון“ שוין פון אָנפאַנג,
אויב דו לייה׳סט אַן אויער צו אַזעלכע ווערטער,
אומקעהרען צוריק וועסטו זיך נאָר אַ פּלאַפּלער,
מיט אַ ליידיג האַרץ און אונצופריעדען.

יודענטהום קען, לויט דיעזער חקירה או״ף קיין פאל ניט אנגעגריפען ווערען פון פילאזאפיע, ווייל דאס שטעהט אויף א פעסטען גרונד, וועלכען דער דענקער מוז רעספעקטירען, דער גרונד פון היסטארישע פאקטען. דיא אידישע רעליגיאן איז ניט געקומען אויף דער וועלט שטופענווייז, שטאפעל נאך שטאפעל, נאר מיט אמאל, וויא א זאך ערשט ניי בעשאפען. עס האט זיך ענט־פלעקט צו א געוואלדיגע מחנה — צו מיליאנען מענשען — וועלכע האבען געהאט געגוג מעגליכקייט צו אונטערזוכען, נאכפרעגען און נאכפארשען אויב זיי זיינען אבגענארט געווארען דורך כיטרע שווינדלעריי. נאכהער, אלע נסים און נפלאות וואס זיינען געשעהן ביז מתן תורה און האבען ניט אויפגעהערט דורך דער גאנצער צייט וואס אידען זיינען געגאנגען אין דער מדבר — זיינען פארגע־קומען אין דער געגענווארט פון א סך מענשען. ניט נאר ביי איין געלעגענהייט. ביים אנפאנג פון ישראל׳ס נאציאנאליטעט האט זיך גאט אריינגעמישט מיט בעזאנדערער אויפמערקזאמקייט צווי־שען דיא אידען נאר ער האט זיך בעוויעזען צו זיי זעהר אפט אין פערלויף פון פינף הונדערט יאהר, אין דעם אויסגוס פון נביאות דורך פערשיעדענע מענשען און פערשיעדענע קלאסען. נעהמענדיג דאס אלץ אין אנבעטראכט איז יודענטהום פערזארגט מיט מעהר זיכערהייט וויא פילאזאפיע. דיא עקסיסטענץ פון גאט איז בע־וויעזען מיט מעהר פעסטקייט דורך מתן תורה, וויא דורך אלע סך הכל׳ס פון פערשטאנד. יהודה הלוי האט געפיהלט, אז ניט נאר האט ער אונטערגעגראבען דיא ערד אונטער דיא פיס פון אלע פילאזאפישע אנשויאונגען פון זיין צייט, נאר, אז ער האט אויך אונטערגעמינעוועט דיא פונדאמענטען פון קריסטענטהום און איס־לאם, און האט פעסט געשטעלט דעם מערק־מאל, דעם אנערקענטען צייכען לויט וועלכען מען קען אונטערשיידען צווישען דיא אמת׳ע אמונה און דיא פאלשע. יודענטהום קארמעט ניט זיינע אנהייגגער מיט גוטע הבטחות אויף א „יענע וועלט“, נאר עס ערלויבט זיי דא אויף דר׳ערד צו כאפען א בליק אויף דעם הימעלשען קעניגרייך און הייבט אויף דורך א דויערהאפטע קייט פון אונבעשטרייטבארע פאק־

טען דיא האפנונג אויף דיא אונשטערבליכקייט פון זיער נשמה צו דער הויך פון אבזאלוטען אמת.

געבענדיג דיא אלגעמיינע פרינציפען פון יודענטהום, האט ער עס נאך פון דעסטוועגען אליין ניט רעכט געמאכט אין אלע איינצעלהייטען. אום דאס צו טהאן האט יהודה הלוי פארגעבראכט א געדאנק, וואס איז געוויס אריגינעל און גאון׳יש. אזוי וויא דיא תורה דערצעהלט אין דיא מעשה בראשית, אז דיא גאנצע בעשאפונג האט גאט פריהער דורכגעדענקט, פאנגט ער אן פון דעם פאקט דאס אדם הראשון איז געוועז פאלשטענדיג און פערפעקט אין גוף און נשמה ווען ער איז ארויס פון דעם בעשעפערס האנד, אהן דעם איינפלוס פון עלטערען, און דער אידעאל, נאך וועלכען מענשען זאלען שטרעבען, איז שוין פארטגעזעטצט געווארען אין זיין גאנצע ריינקייט. אלע וואהרהייטען, וואס זיינען נאר צוגענגליך צו דער מענשליכער זעלע, זיינען מעגליך שוין אדם׳ן בעוואוסט געוועזן גאר אהן דיא שווערע מיה פון שטודירען, און געוואוסט האט ער זיי אלע נאר דורך זיין איינגעבארענעם געוויסען, ער האט „בעזעסען" א פראפעטישע נאטור און איז דערפאר גערופען געווארען גאט׳ס קינד. דיזע פאלשטענדיגקייט, ויעזע גייסטיגע און מאראלישע בעגאבונג האט ער איבערגעלאזט צו דיא, וואס זיינען ארויסגעקומען פון איהם, וועלכע דורך זייער העכערע מעגליכקייט האבען דאס געקענט מקבל זיין.

דורך א לאנגע קייט פון אורעלטערען, מיט מאנכע לייכטע אונטערברעכונגען, איז דיזע איינגעבארענע טוגענד איבערגעגאנגען צו אברהם׳ן, דער גרינדער פון ישראל׳ס פאמיליע און דאן צו דיא איבעריגע פון זיין שטאם: — דיא צוועלף שבטים. אויף אזא אופן בילדען דיא אידען מיט זיך דאס הארץ און דעם קערן פון דער מענשליכער ראסע און דורך געטליכען גנאד, איבערהויפט דורך נביאות, פאסען זיי אויף א מערקווירדיגער ארט צו דיזען ארט, וואס זיי פערנעהמען. דיזער אידעאלער כאראקטער ערהויבט דעם בעזיטצער, מען קען זאגען, צו דעם מיטעלפונקט צווישען מענש און מלאך. אום אבער דיזע געטליכע מתנה צו

דערגרייכען און אויפהאלטען איז דאס נויטיג צו האבען אן ארט וועלכער, דורך דיא אומשטענדען פון זיין קלימאט, קען העלפען ער־הויבען דאס גייסטיגע לעבען. צו דיעזען צוועק האט גאט אויס־ערוועהלט דאס לאנד כנען. פונקט וויא ישראל, איז אויך זיין לאנד ספעציעל אויסגעקליעבען געווארען; עס איז אויסגעוועהלט, ווייל דאס ליעגט אויף דעם מיטעלפונקט פון דער ערד. דארטען האט זיך פראקלאמירט גאט'ס הערשאפט דורך דיא ענטשטעהונג פון פראפעטען און דורך אויסערארדענטליכע ברכות און קללות, וועלכע זיינען געוועען איבערנאטירליך. דיא מצוות און לאו'ן פון דער אידישער אמונה זיינען מיטלען דורך וועלכע דיא הימעלשע פראפעטישע נאטור אין דער אידישער נאציאן זאל זיך שפייזען און אויפהאלטען. דערצו זיינען בעשטימט געווארען דיא כהנים פון אהרן'ס הויז, געבויט געווארען דער בית המקדש, איינגעפיהרט געווארען קרבנות און פערפאסט געווארען אלע דינים. נאר גאט אליין, פון וועמען דיעזע דינים קומען ארויס, ווייס אויף וויא וויט זיי העלפען פערברייטען דיעזען גרויסען ציעל. מענשליכער שכל טאר ניט געפינען קיין חסרונות, אדער ענדערען זיי. דיא קלענסטע ענדערונג קען פעראורזאכען מען זאל פערזעהן דעם ערהאבענעם צוועק. פונקט וויא דיא נאטור גיט ארויס פערשיעדענע פראדוק־טען ביי דיא ענדערונג פון באדען אדער קלימאט. דיא פפליכטען פון מאראל, אדער דיא דינים פון פערנונפט שטעלען ניט פאר דיא מערקווירדיגקייט פון יודענטהום וויא אנדערע מיינען. זיי זיינען בלויז דיא יסודות פון דעם געמיינשאפטליכען לעבען. דיא רע־ליגיעזע פפליכטען זיינען די אמת'ע הויפט פונקטען פון יודענטהום, און זיי בעצוועקען אויפצוהאלטען אין דעם אידישען פאלק געטליכע ליכטיגקייט און חן, און אייביגע פראפעטישע בעגייסטערונג.

אבוואהל דיא אמת'ע וויכטיגקייט פון רעליגיעזע געזעטצען זיינען אין גרונד גענומען בעהאלטען פון מענשליכען שכל, דאך שפיגעלט זיך אב אין זיי דיא חכמה פון זייערע גרינדער. יודענטהום פרעדיגט ניט קיין נזירות, אז מענשען זאלען קומען צו א'ן עולם הבא דורך פייניגען דעם גוף און דורך זיין אבגעשלאסען פאר זיך אליין, אויסגעטהאן פון דער וועלט. יודענטהום איז דער גייזעג־

זאַטץ פון מעלאַנכאָליע און משונה'דיגע איינזאַמקייט. עס וויל, אַז זיינע נאָכפאָלגער זאָלען לעבען גליקליך און צופריעדען דען דער צוועק פון לעבען — איז לעבען.

נאָכדעם וויא יהודה הלוי האָט אויסגעפונען דעם גרויסען ווערטה פון רעליגיעזע מעשים, איז דאָס איהם געווען זעהר גרינג צו איבערצייגען דיא העכערקייט פון תלמודישען יידענטהום איבער דיא אמונה פון דיא קאַראַאימען און צו בעווייזען דיא ערהאַבענע טוגענדען וואָס שיידעט אָב דעם אידישען גלויבען פון קריסטענטהום און איסלאַם. דיא לאַגע פון שקלאַווערייי אין וועלכע דיא אידען זיינען אַריינגעפאַלען, זייענדיג צושפּרייט צווישען דיא פעלקער, איז — לויט דיא מיינונג פון דעם פאָעטפילאָזאָף — קיין בעוויין פון זייער אונטערגאַנג, אָדער פון פערלאָרענע האָפנונג. עס איז אויך — זאָגט יהודה הלוי — קיין בעווייז, אַז דיא פאָרלויפיגע מאַכט פון דיא קריסטען און מחמדאַנער, וועלכע שטאָלצירען יעצט אַזוי שטאַרק דערמיט — איז דער פועל יוצא פון זייערע געטליכע לעהרען. אָרעמקייט און עלענדקייט, וועלכע זיינען אַזוי פעראַונ־ווירדיגט אין דיא אויגען פון מענשען, שטעהען ביי גאָט פיעל העכער וויא אויפגעבלאָזענע שטאָלץ און גרויסקייט. דיא קריסטען זיינען ניט אַזוי שטאָלץ אויף זייערע מעכטיגע פּרינצען וויא אויף זייערע נידעריגע מענשען. אַזעלכע וויא קריסטוס, וואָס האָט בעפוילען דאָס „ווער עס וועט דיר שלאָגען אויף דער רעכטער באַק זאָלסטו איהם אויך געבען דיא צווייטע", און אויף זייערע אַפּאָס־טאָלס, וואָס האָבען געליטען דיא שרעקליכסטע מאַטערנים און ערני־דעריגונג, און האָבען זיך וועגען דעם ניט געקימערט. דיא מחמדאַ־נער זיינען זעהר שטאָלץ אויף דיא נאָכפאָלגער פון זייער פּראָפעט וואָס האָבען צוליעב איהם געליטען דיא געוואַלדיגסטע יסורים.

דאָך דער גרעסטער ליידענדער איז ישראל, ווייל ער איז צווישען מענשען וואָס דאָס הארץ איז אין מענשליכען אָרגאַניזמוס. פּונקט וויא דאָס הארץ ליידעט און סימפּאַטהיזירט מיט יעדען טהייל פון קערפּער, אַזוי ליידעט דיא אידישע נאַציאָן גרויס צער און יסורים פון יעדער עולה צווישען דיא נאַציאָנען, אָהן אונטער־שיעד אויב דיא עולה איז געטהאָן געוואָרען בעוואוסט אָדער אונ־

בעוואוסט. דיא ווערטער וועלכע דער גרויסער פּראָפעט מאַכט דיא פעלקער זאָגען: „און ער האָט געליטען אונזערע ליידען און געטראָגען אונזערע זאָרגען" זיינען אָנגעווענדעט אויפ'ן איד. דאָך דיא אַלע שמערצען, וואָס ישראל האָט געליטען, האָבען איהם אַלץ ניט אומגעבראַכט, מען קען איהם פערגלייכען צו אַ חולה מסוכן, וואָס אַלע דאָקטוירים פון דער וועלט האָבען ערקלעהרט אַלס פערפאַלען און וואָס ער האָפט נאָך אַלץ, דורך אַ גרויס וואונדער, געזונד צו ווערען.

דאָס בילד פון דיא טויטע, צו־וואָרפענע ביינער וועלכע, דורך דעם וואָרט פון נביא, פעראייניגען זיך, קליידען זיך אָן אין אָדערען, פלייש און הויט, קריעגען אריין אין זיך אַ נשמה און פאַנגען וויעדער אָן צו לעבען — דאָס בילד שטעלט אויך פאָר דעם איד, דאָס איז אַ פאָלשטענדיגע בעשרייבונג פון ישראל אין זיין נידעריגע, שרעקליכע לאַגע. ישראל'ס צושפּרייטונג איז אַ וואונדערבארער, געטליכער פּלאַן, צו וויזען דיא פעלקער דעם גרויסען גייסט מיט וועלכען ער איז בעגאַבט. דיא אידישע ראַסע איז גלייך צו אַ קערענדיל זריעה, וואָס ווערט אריינגעלייגט אין דער ערד און ווערט דאַכט זיך צופוילט און פערשלונגען פון דיא עלעמענטען וואָס רינגלען איהם ארום. אָבער ווען דאָס בליהט און קוועלט נעהמט דאָס וויעדער אָן דאָס אָריגינעלע נאַטור און וואַרפט אראָב פון זיך דאָס פרעמדע שטאָף, וואָס פערשטעלט זיין אמת'ע צורה, און ענדליך וויזט דאָס ארויס דיא אייגענע קראַפט און אַזוי טריט ביי טריט ענטוויקעלט זיך דאָס צו דיא העכסטע פאָלקאָמענהייט. אַזוי שנעל וויא דיא מענשהייט — צוגעגרייט ביי קריסטענטהום און איסלאַם — וועט אַנערקענען דיא ריכטיגע וויכטיגקייט פון דיא אידישע נאַציאָן אַלס דעם טרעגער פון געטליכען ליכט, וועט עס אויך אָבגעבען דיא פערדיענטע עהרע צו דעם וואָרצעל אויף וועלכע מען האָט אַזוי לאַנג געקוקט מיט פעראַכטונג. דיא גאַנצע מענשהייט וועט דאַן צושטעהן צו דיא אידען און זיך האָבענדיג ענטוויקעלט אין גאָלדענע פרוכט, וועלען זיי ענדליך אריינטרעטען אין דער קעניגרייך פון משיח, וועלכער איז דיא אמת'ע פרוכט פון דעם בוים.

7 — יהודה הלוי אלס ציוניסט

דער געדאנק וואָס ברייננגט דעם דיכטער צו פערהייליגען פּאלעס־טינא און דיא העברעאישע שפּראכע — זיין טיעפע אונפערגלייכליכע ליעבע צו ארץ ישראל און זיין פעסטער בעשלוס צו געפינען א קבר אין ירושלים.

זייט יודענטהום עקזיסטירט איז דאָס נאָך ניט אזוי ערהאבען און גאון׳יש געפּרעדיגט געוואָרען וויא אין דיא פילאָזאָפיע פון דעם פּאָעט־פילאָזאָף פון אלט קאסטיליען. געדאנקען און געפיהלען, פי־לאָזאָפיע און פּאָעזיע אלץ אין איינעם צוזאמענגעבונדען אין א אָרי־גינעלער סיסטעם איז דיא אָרבייט פון יהודה הלוי און אלץ אום צו בעשאפען א׳ן ערהאבענעם אידעאל, א פערבינדונג צווישען הימעל א׳ן ערד.

אבער האסאן יהודה הלוי האָט ניט בעלאנגט צו דיא מענשען וואָס פּרעדיגען הויכע אידעען און אליין פיהרען זיי אַן אנדער זאָרט לעבען. אין איהם זיינען געדאנקען און מעשים געווען ענג צוזאמען געוועבט. קוים איז ער געקומען צום בעשלוס, דאָס דיא העברעאישע שפּראכע און דאָס לאנד כנען בעזיצען א מערקווירדיגען געטליכען כאראקטער, אז זיי זיינען בעשטימט געוואָרען צו א הייליגען צוועק, האָט דיעזע איבערצייגונג בעהערשט זיין אויפפיהרונג. ער האָט א לאנגע צייט ניט ענטוויקעלט דיא אוצרות פון זיין פּאָע־זיע, ווייל ער האָט געהאלטען פאר חילול השם צו שרייבען שירים אין לשון קודש לויט דיא אראבישע זילבען מאָאס. נאָך מעהר, דער פילאָזאָף־פּאָעט איז געווען איבערצייגט, אז דאָס הייליגע לאנד האָט געהאט שפּורען פון גאָטס גנאָד. זיין פּאָעטישע נשמה איז געווען אָנגעפיללט מיט דעם גייסטיגען שטאָלץ פון פּאלעסטינא.

פון דעם צופוילטען, אָבגעלעבטען גלאנץ פון איהרע חורבות און איהר פערוויסטען שטאנד האָט נאָך געאטהעמט א פיעל העבערע

בעגייסטערונג. דיא ביטערסטע יסורים פון פערדרוס האָבען צובראָ־
כען זיין הארץ דענקענדיג פון ציון'ס הייליגע רואינען. פאַר איהם
זיינען נאָך יעצט, פונקט וויא אמאָהל, דעם הימעל'ס טויערן געווען
אָפען איבער ירושלים און האָבען פון דאָרט אַראָבגעגאָסען דיא געט־
ליכע השפעה, וואָס האָט אויפגעמינטערט דעם פערשטאַנד צו דער־
גרייכען דיא גליקליכקייט פון א העכערע רוח. דאָרטען וואָלט ער
געפלויגען מיט אדלער־פליגעל, דאָרט וואָלט ער איינגעאטהעמט אין
זיך דעם געטליכען געדאַנק, וואָס שוועבט נאָך איבער דעם דרימלענ־
דען כותל מערבי. אין יענע וואונדערבאַרע געגענדען, וואו יעדער
שטיין איז א פערגליווערטע נבואה, וואָס וועט נאָך אמאָהל מקוים
ווערען, וואָלט ער אַרומגעלאָפען בּאַרוועס און נאַקעט און געוויינט
און זיך געפרעהט צוגלייך.

ווען ער האָט אָנגעפאַנגען זיין אַרבייט אין דער פילאָזאָפיע
פון רעליגיאָן האָט ער זיך בעקלאָגט אין ריהרענדע ווערטער וואָס
ער, אזוי וויא פיעלע אַנדערע, איז געוועזען אזוי נאַריש ניט צו זעהן
דעם גרויסען ווערטה פון ארץ ישראל, נאָך וועלכע ער האָט אויסגע־
דריקט אַזאַ בּיינקשאַפט מיט די ליפּען און האָט קיינמאָל ניט געזוכט
זיין וואונש צו פערווירקליכען. וואָס מעהר ער איז געקומען צום
בּעשׂלוס, אז אין הייליגען לאַנד קען דער מענש קומען צו העכערע
רעיונות און ריינערע מחשבות, זיך פעראייניגען מעהר מיט גאָט
— אַלץ מעהר איז געשטיגען זיין גליהענדער וואונש צו פאָהרען
אַהין און דאָרט פערברייננגען זיינע לעצטע טעג.

דיעזער אונווידערשטעהענדער בעגעהר נאָך ציון, דיא געליעב־
טע שטאָדט, האָט אַרויסגערופען אין דעם דיכטער דיא שאַפונגס־
קראַפט פאַר א סך ליידענשאַפטליכע ליעדער, וועלכע זיינען אַזוי
פול מיט אמת'ע געפיהלען וויא זיי זיינען שעהן אין זייער פאָרם.
דיא ציון ליעדער, וואָס יהודה הלוי האָט פערפאַסט, שטעלען פאָר
דיא פּרעכטיגסטע פרוכט פון דיא נייע־העברעאישע פּאָעזיע און מען
מעג זיי מיט זיכערהייט פערגלייכען מיט'ן תהלים.

יפה נוף משוש תבל,
קריה למלך רב,
לך נכספה נפשי
מפאתי מערב.
המון רחמי נכמר
כי אזכרה קדם
כבודך אשר גלה
ונוך אשר חרב.
ומי יתנני על
כנפי נשרים עד
ארוה בדמעותי
עפרך ויתערב.

. . . .

לבי במזרח ואנכי בסוף מערב,
איך אטעמה את אשר אכל ואיך יערב?
איכה אשלם נדרי ואסרי בעוד
ציון בכבל אדום ואני בכבל ערב?
יקל בעיני כל־טוב ארץ ספרד, כמו
יקר בעיני ראות עפרות דביר נחרב.

* * *

אַ, שעהנע שטאָדט, וואו ליכט און קדושה פלעגען פינקלען!
עס ציהט מיין גייסט צו דיר פון ווייטע מערב ווינקלען,
מיין זעעלע וויינט, אַ, ליעבער נחת פון פערצייטען!
ווען כ'זעה יעצט דיינע חורבות פול אין אַלע זייטען.
מיט אַדלער פליעגעל וואָלט איך שנעל צו דיר געפלויגען
און פייכט געמאַכט דיין ערד מיט'ן טוי פון מיינע אויגען.

. . . .

אין מזרח איז מיין הארץ, נאָר איך קען דאָרט ניט קומען,
וויא וואָלט איך אין דיא ליידען דיינע טהיילגענומען!
וואָס זאָל איך טאָן? ווי הויב איך דאָרט מיין אומה'ס באַנער,
ווען ציון שמאַכט ביים קריסט און איך ביים מחמדאַנער?

**וואס איז מיר שפאניען׳ס פראכט? נאר שטויב, אהן גלאנץ אהן זינען
געגען דעם שטויב פון גאט׳ס פערלאזענע רואינען״.**

דאס איז דער שליסעל, דער הויפט מאטיוו פון אלע ציון לידער. עס איז אבער צו שטוינען איבער די פערשיעדענע מייסטערהאפטע ארטען און פארמען אין וועלכע דער פאעט בעהאנדעלט זיין געגענשטאנד. וואס פאר א רייכקייט פון עמפפינדונגען, בילדער און פארשטעלונגען ער ענטוויקעלט! ישראל׳ס פערגאנגענע טעג זיינען אידעאליזירט אין זיינע פערזען. אט שטעהט דער איד מיט א דערנער־קרוין פון טויזענד ליידען אויף זיין קאפ און אט ערשיינט ער אין דעם בליאסקעדיגען דיאדעם פון פריידיגער האפנונג. דער אינהאלט פון זיינע לירישע געזאנגען פול מיט השתפכות הנפש, מיט נשמה אויסגוס דרינגען אריין אין הארץ פון לעזער און וויעגען איהם מיט א שטורם צווישען שמערץ און נחת, וועה און האפנונג, און דער איינדרוק בלייבט איבער אויף אייביג צונויפגעמישט מיט געפיהלען פון ענטהוזיאזמוס און איבערצייגונג.

דער זינגער, וואס איז געווען אזוי בעגייסטערט מיט דער זאך פון זיין נאציאן, האט זיך בעמיהט איבערצוגעבען זיינע ברידער זיין טיעפע בייגקונג נאך ירושלים און אין אויפוועקען זיי צו מאכען א מין פלאן זיך ווידער אומצוקעהרען אהין. איין פאעזיע אין ערהויבענע און ליעבליכע טענער ערמוטהיגט די אידען צו פערלאזען די פעלדער פון אדום און ישמעאל (קריסטליכע און מחמדאנישע לענדער) און צו זוכען זייער איינגעבארענעם נעסט אין ציון. דאך קיין ווידער קול פון אן ענטפער האט זיך געהערט. דאס איז געווען א׳ן ערהאבענער, מאיעסטעטישער בעגריף פון דעם פרומען פאעט־פילאזאף, וועלכער האט געוואגט צו טרוימען פון אזא גוואלדיגע אונטערנעהמונג.

די נשמה פון יהודה הלוי איז געווען צוגעבונדען מיט אונזיכטבארע שניר צו ישראל׳ס אמאליגע היים און ער האט זיך ניט געקענט לויז מאכען פון זיי. ווען ער האט געענדיגט זיין אונשטערב־

ליבעם ווערק דעם דיאלאג פון כוזרי (אומגעפעהר 1141) האַט ער געלומען מאַכען פערשיעדענע ערנסטע פלענער וויא אזוי אונטער־צונעהמען א רייזע נאָך דעם הייליגען לאַנד. ער האַט געבראַכט ניט קיין קליינע קרבנות צו זיין מערקווירדיגען, אויב אויך אביסעל אוואַנטורישען, בעשלוס. ער האַט אויסגעביטען א רוהיג און צו־פריעדען לעבען אויף א לעבען פון אויפרעגונג און אונגעוויסהייט און האַט איבערגעלאָזען זיין איינציגע טאָכטער און זיין אייניקעל וואָס ער האַט שטאַרק און היים געליעבט. ער האַט אָבגעגעבען זיין ישיבה, וואָס ער האַט געגרינדעט אין טולעדאָ און האַט זיך געשייד־דעט מיט דעם קרייז פון תלמידים, וואָס ער האַט געליעבט וויא זיהן, און וועלכע האָבען איהם פערעהרט וויא א פאטער, ער האַט געזאָגט „זייט געזונד“ צו זיינע פיעל פריינד, וואָס האָבען איהם, אָהן קנאה, געלויבט פאַר א בעריהמטען געלעהרטען. דאָס אַלץ האַט ביי איהם געהאט א גאַנץ קליינעם ווערטה אין פערגלייך מיט זיין ליעבע צו גאָט און דאָס הייליגע לאַנד. ער האַט געגלוסט צו ברייגען זיין הארץ א קרבן צו דעם הייליגען אָרט און צו געפינען זיין קבר אין דיא געבענשטע ערד.

8 — זיין נסיעה קיין ארץ ישראל.

דער אונשטערבליכער מייסטער פון דיא ציון געזאנגען פאהרט זיינגען זיין לעצטען „ציון“ אין ירושלים — דיא שרעקליכע רייזע אויפ'ן ים — זיין קבר א'ן אייביגע געהיימנים.

פערזארגט מיט גענוג מיטעל האט יהודה הלוי אנגעפאנגען זיין רייזע, און זיין דורכפאהר דורך שפאניען איז געווען וויא א טריאומפף־צוג. זיינע מאסען פריינד אין דיא שטעדט, דורך וועלכע ער איז דורכגעפאהרען האבען איבערגעשטייגט איינע דיא אנדערע אין אבגעבען איהם כבוד. מיט עטליכע איבערגעבענע בעגלייטער האט ער בעשטיגען א שיף, וואס איז אבגעפאהרען נאך עגיפטען.

איינגעשפארט אין א קליין הילצערן קעמערל, וואו עס איז ניט געווען גענוג פלאץ צו זיצען אדער ליעגען, א ציעל פאר דיא גראבע, אונגעהובעלטע וויצען און גלייכוועדטלעך פון דיא מאטראזען, זעע־קראנקהייט און שוואכען געזונד, האט זיין זעעלע דאך ניט פערלארען קיין פונק פון איהר קראפט זיך צו ערהויבען צו א גלענצענדע ספערע. זיינע אידעאלען זיינען געווען זיינע טהייערסטע און בעסטע שיף'ס־חברים. דאן, ווען דער שטורם האט געשטויסען דיא שיף אויף דיא רוישענדע כוואליעס און זיך געשפיעלט מיט איהר וויא מיט א צאצקע און האט געמאכט, אז „צווישען איהם און דעם טויט איז ניט געווען קיין אנדער מחיצה וויא א ברעט“ — דאן האט זיך אויפגעשלאסען דער אוצר פון געזאנג אין זיין ברוסט. ער האט בעזונגען דעם ים אין אזעלכע פרעכטיגע ליעדער, וועלכע, פאר דיא ריכטיגקייט פון זייער שילדערונג און טיעפקייט פון גע־פיהלען, האבען בלויז עטליכע פערגלייכונגען.

„דיא וועלען רוישען — זוי גרויס, א, זעעלע מיין,
באלד וועסטו אין דער הייליגער שטאדט אריין!“

דיא נסיעה איז אָבער געווען אַ שווערע, דורך שלעכטע ווינדען האָט זיך דיא שיף שטאַרק פערשפּעטיגט און איז אָנגעקומען אין אַלעקסאַנדריען אויף סכות (סעפּטעמבער) און יהודה איז אוועק צו זיינע אידישע ברידער צו בלייבען ביי זיי ביז איבער יום־טוב, אָבער ניט פערגעסענדיג קיין אויגענבליק דעם ציעל פון זיין רייזע, דאָך וויא גיך מען האָט זיך דערוואוסט זיין נאָמען האָבען זיך אַלע הערצער צוגעצויגען צו איהם. דיא בעריהמטעסטע מענער פון דער אַלכסנדרינישע קהלה, אַלע ערצטע און רבי אהרן בן־ציון אבן־אַלאמאַני, וועלכער איז געווען געבענשט מיט עשירות און מיט קינדער און איז אַליין געווען אַ דיכטער פון אידישע תפלות, האָט זיך געאיילט איהם צו עמפּפאַנגען וויא אַ נאָבעלען גאַסט, האָט איהם אָבגעגעבען דיא גרעסטע עהרע און האָט איבערגעגעבען זיין גרויס־אַרטיגען פּאַלאַסט מיט אַלע פערגניגונגען פאַר יהודה'ן מיט זיינע קאַמעראַדען. דורך דיא פּאַרזיכטיגע בעהאַנדלונג פון זיינע האַרציגע פריינד האָט ער זיך ערהאָלט פון דעם רושם, וואָס דיא אונגעלונגענע ים־רייזע האָט אויף איהם געמאַכט און האָט אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט אין פּרעכטיגע העברעאישע פּערזען. דיא פּאַמיליע פון אבן־אַלאמאַני זיינען אַזוי צוגעשטאַנען צו איהם, ער זאָל נאָך אַזוי גיך ניט אַוועקפאָהרען, אַז אָבוואָהל זיין האַרץ האָט איהם געצויגען וואָס גיכער צו קומען אין דעם הייליגען לאַנד, איז ער דאָך געבליבען אין אַלכסנדריען פולע דריי חדשים: ביז חנוכה.

ער האָט זיך אַוועקגעריסען מיט גוואַלד פון אַזעלכע טהייערע פריינד, און האָט געמיינט צו געהן צום פּאָרט פון דאַמיאַט, וואו עס האָט געוואָהנט איינער פון זיינע בעסטע פריינד אבו סעיד בן חלפון הלוי, מיט וועלכען ער האָט זיך נאָך בעקענט אין שפּאַניען. ער איז אָבער געצוואונגען געווען צו ענדערן דעם פּלאַן פון דיזער רייזע, ווייל דער אידישער פירסט אבו־מאַסנור (מאַנסור) שמואל בן חנינה, האָט איהם אריינגעשיקט אַ דרינגענדען איינלאַדונגס־בריעף.

אבו־מאסנור, וועלכער האָט געוואָהנט אין כליף'ס הויז, איז דאַן געווען דער הויפּט פיהרער פון דער אידישער קהלה אין

אלכסנדריען און האט געטראגען דעם טיטעל פירסט (נגיד). יהודה הלוי האט דיעזע איינלאדונג ניט געקענט צוריקווייזען, ווייל ער האט געדארפט דעם אידישען פירסט'ס רעקאמענדאציעס כדי צו קענען גרינגער פארטזעצען זיין רייזע קיין פאלעסטינא. דער פירסט איז געווען זעהר ווייט בעריהמט און געאכטעט און זיינע עמפפעהלונגען האבען געהאט א גרויסע ממשות.

אבו־מאסנור האט געגעבען אנצוהערען, אז ער קען איהם שטיצען מיט גרויסע סומען געלד, אבער ער האט דאס זעהר ערעל מוחל געווען אין א בריעף ערקלעהרענדיג, אז „גאט האט איהם פערזארגט מיט כל טוב, אז ער האט גענוג געלד פאר דער נסיעה און האט נאך איבערגעלאזט א גרוים פערמעגען אין דער היים". באלד נאכדעם האט ער אין איינע פון דיא שיפען, וואס פאהרען אויפן נילום אבגערייזט קיין קאהירה.

דער אלטער, היסטארישער שטראם האט אויפגעוועקט אין איהם זכרונות פון זיין אידישע פערגאנגענהייט אין ער האט זיך דער־מאנט אן זיין נדר. ער האט פעראייביגט דיעזע רייזע אין צוויי שעהנע ליעדער. דער פירסט אבו־מאסנור האט איהם זעהר ווארעם עמפפאנגען אין קאהירה. דער דיכטער האט זיך געבאדען אין דעם גאלדענעם שיין פון זיין פריינד'ס ערהאבענהייט און האט געזונגען פון זיין בעוואוסטע גוטהערציגקייט און זיינע דריי נאבעלע זיהן.

ער איז ניט לאנג געשטאנען אין קאהירה און האט שנעל אבגערייזט צום פארט פון דאמיאט, וואו ער איז אנגעקומען פונקט צום תענית פון עשרה בטבת (דעצעמבער אומגעפעהר 1141—1142) דא האבען איהם פריינד זעהר גוט אויפגענומען, איבערהויפט האט איהם גוט עמפפאנגען זיין פריינד אבו סעיד חלפן הלוי, א מאן פון גרויס בעגאבטקייט און חשיבות. יהודה האט געווידמעט מאנכע שעהנע ליעדער צו איהם און צו אנדערע פריינד. דיעזע פריינד זיינע האבען איהם אויך געזוכט אבצורייידען פון זיין רייזע קיין פא־לעסטינא. זיי האבען איהם אנגעצייגט אויף דיא געפאהר מיט וועל־כע אזא אונטערנעהמונג איז פערבונדען און האבען איהם אויך פער־איינם דערמאנט אז א סך זכרונות פון דער אידישער יוגענד זיינען

אויך פערבונדען מיט מצרים. אויף דעם האט ער זיי געענטפערט, אז „אין מצרים האט זיך דיא השגחה בעוויזען וויא אין איילענים וועהרענד אין דעם הייליגען לאנד האט זיא געמאכט איהר שטענדיגע וואהנונג“. ענדליך האט ער זיך געזעגענט מיט זיינע פריינד און פערעהרער און האט זיך גענומען דורכפיהרען זיין פראיעקט אין דער ווירקליכקייט. אין וועלכען ארט ער האט זיך שפעטער אבגעשטעלט איז אונבעקאנט.

אין פאלעסטינא האבען אין דיעזער צייט געהערשט קעניגע און פרינצען, דיא פריינד פון דעם העלד גאדפריי פון בולאן. דיעזע הערשער האבען וויעדער ערלויבט דיא אידען צו וואהנען אין הייליגען לאנד און אין דער הויפשטאדט, וועלכע איז יעצט געווארען קריסטליך. דאס לאנד איז, אין דער צייט פון יהודה׳ס רייזע, ניט געוועזען געשטערט פון קריעג, ווייל דיא קריסטען וואס האבען זיך בעזעצט אין פאלעסטינא מיט הונדערט יאהר צוריק, זיינען דוקא געוועזען מענשען, וואס האבען געליעבט שלום און האבען דאס געקויפט פון זייערע שונאים אום יעדען פרייז. דיא אידען האבען אויך געהאט חן אין דיא קליינע הויפען פון דיא קריסטליכע פרינצען אין פאלעסטינא. און א קריסטליכער בישאף האט זיך נעביך בעקלאגט דאס צוליעב דעם איינפלוס פון זייערע ווייבער האבען דיא פרינצען מעהר צוטרויען צו דיא אידישע און אנדערע דאקטוירים פון דיא ארומיגע פעלקער וויא צו דיא ליטאינישע. (דאס הייסט קריסטליכע). מעגליך, אז דיא קריסטליכע דאקטוירים האבען טאקע ניט געטויגט.

יהודה הלוי האט וויא עס שיינט, דערגרייכט דעם ציעל פון זיין פערלאנג, און האט בעזוכט ירושלים אבער נור פאר א גאנץ קורצע צייט. דיא קריסטליכע איינוואהנער פון דער הייליגער שטאדט זיינען, זעהט זיך, געוועזען געגען איהם זעהר פיינדליך און קריגעריש, און האבען איהם דאס לעבען אין דער רעזידענץ אנגעפיללט מיט עקעל. מעגליך, אז וועגען דעם טאקע רעדט ער דאס אין זיין ערנסטע, רעליגיעזע פאעזיע וואו ער יאמערט אויס אין דיא מיטעלסטע פערזען דיא פאלגענדע ריהרענדע ווערטער:

צו זעהן דיך האב איך אויסגעקוקט דיא אויגען,
דאך ווען איך האב געגרייכט דיין הייליג ארט,
האט מיך דער שונא ווילד פעריאגט פון דארט,
פערצווייפעלט בין איך פון דיין שוועל געפלויגען.

מיין אומה'ס שיקזאַל מוז איך אויך פערטראָגען,
און שטיל זיך בויגען אונטערן דריקערס שפּאָט,
ווייל איך פערהייליג ניט אַ פאַלשען גאָט,
און גיט צו דיר נאָר אוים מיין האַרץ אין קלאָגען.

דער סוף פון זיינע רייזען זיינען געבליבען אונבעקאַנט. מען וויים, אַז ער איז געוועזן אין דמשק און טאַיער, אָבער ניט מעהר. דיא אידען פון טאַיער האָבען איהם צוגעטהיילט גרויס כבוד און ער האָט דאָס קיינמאָהל ניט פערגעסען. אין אַ געדיכט צו זיינע טאַיער'שע פריינד ערגערט ער זיך איבער זיינע פערוועלקטע האָפנונגען, איבער זיין שלעכט פערוועדעטע יוגענד און איבער זיין געגענווארטיגע עלענדקייט. דיא פערזען אין וועלכע ער דריקט אוים דיעזע געפיהלען זיינען פול מיט געמיטה. זיי קענען ניט געלעזען ווערען מען זאָל דערביי ניט פיהלען דיא גרעסטע וועהמוטה און דיא טיעפסטע סימפּאַטהיע צו דיעזען טאַפּפערען העלד און מאַרטירער.

וואו ער האָט ווייטער גערייזט בלייבט א'ן אייביגער סוד. מען וויים, אַז ער איז געוועזן אין צור, די הויפּטשטאָדט פון די פעניקער. און דמשק, און אַז דיא אידען פון צור האָבען איהם אָבגעגעבען גרויס עהרע, אָבער וואו ער איז שפּעטער נעלם געוואָרען איז אונבעקאַנט אויף היינטיגען טאָג. זיין קבר, אַזוי וויא משה'ס, איז ארומגערינגעלט מיט א'ן אייביגע געהיימניס.

אַ לעגענדע איז פאַראַן, אַז אַ מָחמדאַנישער רייטער איז אריבערגעריטען איבער איהם ווען ער האָט געזונגען זיין ערהאַבענעם ליעד „ציון הלא תשאלי". אָט אַזוי איז דער גרעסטער אידישער פּאָעט און רעליגיאָנס-פילאָזאָף דורכגערייזט דאָס לעבען בעגלייט און אָנגעפיהרט פון זיינע אידעאַלען און איז געפאַלען אַ היילינער קרבן אויף דעם מזבח פון זיין הייסע ליעבע צו ציון און זיין גאָט.

פיעלייכט איבער קיין אידישען דיכטער איז אָנגעשריעבען אַזאַ גרויסע ליטעראַטור וויא איבער דיעזען געטליכען מאַן. זיינע שירים זיינען איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען פון דער וועלט. אידען און ניט אידען האָבען אויף איהם געגעבען זייער הסכמה. ווען

שפאניען וועט אמאל אויפהערען צו בעטראכטען איהרע קירכען־טאטעס פאר דיא גרעסטע לייט און וועט קוקען אויף איהר פערגאנ־גענהייט מיט אפענע אויגען און אויף אידען — אהן פאראורטהייל, וועט אבול־האסאן יהודה הלוי פערנעהמען דעם אויבען־אן פון איהר ליטעראטור. א מאנומענט וועט זיא איהם שטעלען אין רעכטען מי־טען פון איהר רעזידענץ שטאדט און וועט זיך שלאגען אין הארצען פארוואס זיא האט דאס שוין לאנג ניט געטהאן.

איינע פון דיא פרעכטיגסטע זאמלונגען פון יהודה הלוי'ס ליעבע ליעדער מיט ערקלעהרונגען, איז דאס ביכעל „בתולה בת יהודה„ פון שמואל דוד לצטו שד"ל. א ביכעל מיט געקליבענע ליעדער אין דייטשער איבערזעצונג איז ערשיענען אין בערלין (1893). דיא איבערזעצער זיינען אברהם גייגער, ס. העללער, ס. י. קאמפף, ס. קריסטעלער, לאנזעסבערגער, מ. לעווין, מ. ראפאפארט, מ. זאכס, א. זולצבאך און מ. שטיינשניידער. שעהנע בעשרייבונגען וועגען יהודה הלוי אין ענגליש געפינען זיך אין דיא Jewish Portraits פון דיא בעריהמטע ענגלישע שרייבערין Lady Magnus (ליידי מאגנוס), און פון דזשאזעף דזשייקאבס אין זיין בוך „דזשואיש איידיאלס".

פיעל פון יהודה הלוי'ס געז־בטע זיינען איבערזעצט אין אונגאריש פון דעם בעריהמטען אידיש־אונגארישען פאעט יאזעף קיסס. איינער פון דיעזע ליעדער, א טרינק־ליעד איז נאכהער איבער־זעצט געווארען אין דייטש און אקאמפאנירט מיט מוזיק פון דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער איגנאץ ברילל און איז אבגעדרוקט אין דיא וויענער „וועלט", 6טען דעצעמבער 1901. געלונגען זיינען אויך דיא ענגלישע איבערזעצונגען פון עמא לאזארוס.

דיא, וואס פערשטעהען העברעאיש און האבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו לעזען יהודה הלוי'ס פאעזיע, וועלען זעהן דיא גאונות פון דיעזען ערהאבענעם מייסטער פון פאלגענדען שיר וואס ער האט געשריבען צו 13 יאהר:

לרב יצחק נשיא כל הנסיכים,
חסדים אל־בני בניו משוכים

שמו על בן בנו נקרא כהיום
ושם עליו ידי חסדו סמוכים.
יליד נקרא במרום בן אלהים,
ונקרא באדמה בן־מלכים.
ילדוהו כרוב שוכן אדמה,
ולו בין מלאכי אלהים.
מקור מים לכל־נפש עיפה,
ונגה לאשר הלך חשכים.
שמו ברוך והוא כשמו מברך,
והמתברכים בשמו ברוכים.

אַט אַזוי איז שוין דער קאַסטיליאַנישער זשעני געוועזן אַ פאַל־שטענדיגער דיכטער צו דרייצעהן יאָהר און מיטן לויף פון זיינע יאָה־רען איז געוואקסען זיין פּאָעזיע ביז זיא האָט דערגרייכט דיא העכ־סטע הימלען און האָט זיך איינגעשלאָסען אין דעם „צרור החיים“, אין דעם אייביגען בונד פון אונשטערבליכקייט.

ציון הלא תשאלי.

פון יהודה הלוי, איבערזעצט פון

מאָררים ראָזענפעלד.

דען ווילסטו, ציון, גאָר ביי מיר ניט פרעגען
אויף דיינע עלענדע, וואָס זיפצען שווער ?
איך טראָג דאָך זיי'רע גרוסען דיר ענטגעגען —
דיין רעשטיל, וועה, דו האָסט דאָך שוין ניט מעהר.

פון מזרח, מערב, דרום און פון צפון,
איך ברענג דיר ברכות, ברכות אָהן א שיעור, —
דיא קינדער דיינע ביינקען שטארק און האָפען,
אַ יעדעם האַרץ נאָר ציהט אָהין צו דיר.

אויך איך, געבונדענער אין גלות - קייטען,
בעקלאָגענדיג דיין שרעקליכען בעשטאַנד,
וויל דיינע לאנג פערלאָז׳נע בערג פערשפרייטען
מיט טרעהרען, וועלכע פליסען נאָכאַנאַנד.

אַ קלאָג-מוטער בין איך צו גיסען טרעהרען
אויף דיר, אָ, ציון, אויף דיין אונטערגאַנג,
און טרוים איך פון דיין זיסען ווידערקעהרען,
ווער איך אַ הארפע צו דיין שעהן געזאַנג.

מיין הארץ, עס ציהט צו בית-אל און מחנים,
צו פניאל, אך, וויא ציהט אַהין מיך דאָרט!
וויא גלוסט מיין גייסט צו דיר ירושלים! —
איך קוש פון ווייט דיין יעדער געטליך אָרט.

דאָרט איז דיא שכינה נאָר געוועז דיין שכנה,
און דער בעשעפער, ער האָט אויפגעמאכט
ענטגעגען זיינע בלאַנקע הימלען ריינע
דיא טויהר׳ען דיינע פול מיט גלאַנץ און פראכט.

וויא קען איך דאָס אָהן וועה, אָהן שרעק דערמאָנען?
אויף דיין געזאלבטענס אָרט זעה איך אַצינד
אַ נידעריגען שקלאַווע שטאָלציג טהראָנען, —
גע׳ירש׳עט האָט דער קנעכט דעם קעניג׳ס קינד.

אָ, יענע הויכע ערטער צו בעשטייגען,
וואו דיינע גרויסע האָבען זייער רוה;
זואו זיי׳רע אייביג גרינע קברים צייגען
אַ האָפנונג, וועלכע זאָגט אַ סך מיר צו!

אהין, ווען איך זאָל אדלער פליעגעל קריגען,
געפלויגען וואָלט איך און פאר וועה און שמערץ,
אוואו דיא שטיקער דיינע הפקר ליעגען,
אריינגעשליידערט אויף מיין וואונדיג הערץ.

אויף יענע ערד וואָלט איך מיך אויסגעצויגען;
און וואָלט איהר אויפגעוועקט מיט מיין געוויין,
איעדער שטויב מיט לוסט אריינגעזויגען —
און מיט מיין ברוסט דערוואָרעמט יעדען שטיין.

הר העברים, הר ההר, צוויי שטערען —
זיי לייכטען דאָרט אדורך דיין נאכט;
זיי האָבען דיר בעשעהנט מיט זיי'רע לעהרען —
נאָך יענע ערטער גאָר איך און איך שמאַכט.

דיין לופט איז זעעלען־שפייז, מיט האָניג פליסען
דיא טייכען דיינע; בשמים איז דיין שטויב;
דיין געגענוואָרט איז לעבען, פרייד און וויסען —
דו ביזט אַ הייליג ליעד, אַ גאָטעס לויב.

וויא וואָלט איך נאַקעט דאָרט און באָרוועס לויפען,
וואו גאָט האָט זיינע גרויסקייטען פערפלאַנצט;
וואו דיינע טעמפלען, דיינע שעהנע הויפען
עס האָבען אין דער ריינסטער ליכט געגלאַנצט!

וויא זאָל איך זיך צו לוסט און פרייד דערהייבען
ווען איך מוז צוקוקען מיט וועה און גרויל
וויא הינד צורייסען דיינע שטאָלצע לייבען
און דיינע אדלערס ליגען ביי דער קראָה אין מויל?

דעם טרויער כוס נעהם צו! כ׳קען מעהר ניט טרינקען,
כ׳בין לאַנג פון דיינע ביטערניסען פול,
צוויי מאָל האָב איך געזעהן דיין גרויסקייט זינקען,
דיין קדשי קדשים און דיין קעניג׳ס שטוהל.

* * *

נאָך שטראַהלסטו וויא דיא זונן, אָ, הייליג ציון!
נאָך זיינען דיינע פריינד אין דיר פערליעבט,
נאָך איז דיין חן אין מיטען פון זיין בליהען —
און יעדער זעעלע איז אָן דיר פערקניפט.

אין זיי׳רע שקלאַווען־גריבער, וואו זיי קרעכצען,
געלוסטען זיי נאָך דיר פון פריה ביז שפעט,
זיי בוקען זיך ענטגעגען דיר און לעכצען
נאָך דיין ערלייזונג אין אַ היים געבעט.

וויא קען דיא דומהייט פון דיא קעניגרייכען
זיך מעסטען, פרובען מיט דיין „ליכט און רעכט?"
ווער קען צו דיינע דיכטער זיך פערגלייכען,
צו דיינע פירסטען, פריסטער — דיינע קנעכט?

פערשוואונדען וועלען ווערען אלע געטער,
דאָך דיין בעשיצער בלייבט, ער ווערט ניט אַלט!
ס׳ווינקט אַ צוקונפט דיר, אַ זיסער שפעטער,
דיין יוגענד גרינט, דיין נייער מאָרגען שטראַהלט.

אָ, וואויל דעם, וועלכער ווערט ניט מיעד צו האָפען
אויף יענעם גליק, אויף יענער גאָלד׳נער צייט,
ווען דיינע טהירען ווערען וויעדער אָפען
פאַר דיינע וואַנדלער אין דער פרעמדע ווייט!

אלע ווערק פון שלום־עליכם

נייע פּאָפּולערע פּראַכט־אויסגאַבע

אויף דעם וואונש פון טויזענטער אידישע לעזער, וואס האָבען פארלאנגט אלע ווערק פון שלום-עליכם אין א צוגענגליכער אויס-גאבע, — האָט דער „שלום-עליכם פאָנד“ פון דאָס ניי ארויסגע-געבען אלע 28 בענד פון שלום-עליכם׳ס שריפטען אלס א

נייע פּאָפּולערע פּראַכט־אויסגאַבע.

די נייע פּאָפּולערע פּראַכט-אויסגאַבע פון שלום-עליכם׳ס ווערק אנטהאלט אלע אכט און צוואנציג בענד פון די פריהעריגע אויסגאבעס, ניט געמינערט פון זיי קיין שורה. דער אונטערשייד פון דער נייער אויסגאבע ביז די פריהעריגע איז נאָר אין דעם, וואָס אין דער נייער פּאָפּולערער פּראַכט-אויסגאַבע זיינען די פריהעריגע 28 בענד געדרוקט און גע-בונדען אין 14 טאָפּעלע (צווייענדיגע) דיקע פּראַכט-בענד, און דאָס האָט פארלייכטערט די שווערע פראגע, ווי אזוי צו געבען דעם אי-דישען פּובליקום די ווערק פון שלום-עליכם פאר א ביליגען פּרייז. דער פּרייז אויף דער נייער פּאָפּולערער פּראַכט-אויסגאַבע איז פאר-קלענערט געוואָרען פון דעם פּרייז אויף דער פריהעריגער פּראַכט אויסגאבע אויף א פערטעל, און מיר האָפען, אז די אידישע לעזער וועלען אונז העלפען אריינצוברענגען די ווערק פון שלום-עליכם אין יעדען אידישען הויז.

די נייע פּאָפּולערע פּראַכט-אויסגאַבע פון אלע שלום-עליכם׳ס ווערק איז געדרוקט אויף פיינעם ליכטיגען פּאַפּיר, געבונדען אין שטאַרקע און פיינע לייווענט-בענד, באצירט און געשטעמפּעלט מיט גאָלד.

פּרייז פון דער נייער פּאָפּולערער פּראַכט-אויסגאַבע:

15 דאָלער.

סטאַר היברו בוק קאָמפּאַני

58־54 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

פון דאָס נײַ איבערגעדרוקט

קולטור-געשיכטע

דער מענש און זיין ארבייט זינט ער האָט זיך באַוויזען אויף דער וועלט ביז אונזער צייט.

פון

פיליפ קראַנץ

דיזע קולטור-געשיכטע איז געשריבען נאָך די בעסטע און גרינדליכסטע וויסענשאַפטליכע נאַכפאָרשונגען וועגען דעם לעבען און פיהרונגען פון די נאָך פארבליבענע ווילדע פעלקער און פון די פארצייטיגע פעלקער אין אלע לענדער. לעזענדיג די קולטור-געשיכטע זעהט מען פאר זיך די גאַנצע פארצייטיגע וועלט און מען פארשטעהט דאן, ווי אזוי די מענשהייט האָט דערגרייכט פון א ווילדען צושטאַנד, וואָס איז ניט פיל העכער פון צושטאַנד פון אַפען, ביז דער הויכער ציוויליזאַציאָן פון אונזער צייט. — די קולטור-געשיכטע פון פיליפ קראַנץ, פון אַנפאַנג ביז'ן סוף, איז געשריבען אַזוי איינפאַך, קלאָר און אויפקלעהרענד, אז יעדער איינער קען אַלעס פארשטעהן ווי א געוועהנליכע מעשה. פרובירט נאָר דורכלעזען א פאָר קאַפּיטלען, וועט איהר זיך שוין ניט אָפּרייסען, ביז איהר וועט ענדיגען די גאַנצע קולטור-געשיכטע. ענטהאַלט 1000 זייטען, מיט 100 ערקלעהרענדע בילדער. געדרוקט אויף פיינעם פאַפּיר מיט די בעסטע אילוסטראַציאָנען. שעהן געבונדען אין א פראַכט-באַנד.

פרייז $2.00

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 Canal Street, New York